STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08650

BER BOROKHOV

M. Menachovsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה מענאַכאָווסקי

בער באָראָכאָוו –
זײַן לעבן און זײַן שאַפֿן

באָראָכאָוו אין יאָר 1911

משה מענאַכאָווסקי

בער באָראָכאָוו
זיין לעבן און זיין שאַפן

•

פארלאג
אונדזער
וואָרט

בוענאָס־אײַרעס, ה'תשי״ט — 1959

אינהאַלט:

הקדמה — מ. מ. — — — — — — — — — — — — — — 9

דער מאָראַלישער יסוד פון באָראָכאָוויזם

(אַריינפיר־וואָרט) פון חיים פינקעלשטיין — — — — — 11

קאַפּיטל 1) באָראָכאָוו דער מענטש און געזעלשאַפטלעכער טוער — 23

קאַפּיטל 2) ב. באָראָכאָוו — דער אומפאַרגעסלעכער גאון

פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג — — — — — — — — 33

קאַפּיטל 3) באָראָכאָוו דער פילאָלאָג — — — — — — — — — — — — 49

קאַפּיטל 4) באָראָכאָוו דער פאָרשער פון דער ייִדישער ליטעראַטור — 63

קאַפּיטל 5) באָראָכאָווס פּלאַן פאַר אַ געשיכטע פון ייִדיש — — — — — — 85

קאַפּיטל 6) בער באָראָכאָוו און רעליגיע — — — — — — — — — — — 93

מיינע ליכטיקע טאַטע־מאַמע ראובן און דבורה, מיינע ליבע שוויגער־עלטערן גדליה און ברײַנדל גורין, וועמענס קברים עס געפינען זיך הינטערן אײַזערנעם פאָר־האַנג, מיינע שוועסטער רישקע און האָדעס און זייערע מענער מאָטל און צאַלקע, ווי אויך זייערע קינדער, וועלכע זענען אומ־געקומען אין אונדזער גרויסן אומגליק בימי היטלער, ימ״ש, און כ׳ווייס נישט אַפילו וווּ זייערע קברים געפינען זיך — איז מיין בוך געווידמעט.

הקדמה

אין משך פון מיין גאַנצן באַוווסטזיניקן לעבן האָב איך זיך געהאַלטן פאַר אַ באָראָכאָוויסט: סיי די פערזענלעכקייט פון ב. באָראָכאָוו, וועמען איך האָב דערקענט אין 1913, זייענדיק אַ בחור פון 20 יאָר, סיי די אידעען פון באָראָכאָוון האָבן אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, און איך האָב זיך מיט מיין גאַנצן וועזן צוגע־בונדן צום באָראָכאָוויזם, וואָס האָט באַלויכטן מיין גאַנצן לעבנס־וועג ביז היינטיקן טאָג.

איך בין געווען פון די ערשטע צו גרינדן אין פוילן, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, יידישע שולן א"נ פון ב. באָראָכאָוו און געווען אַקטיוו אין דער באָראָכאָוו־פראַקציע פון דער צישאָ (צענט־ראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע) זינט איר גרינדונג. אויך אין די שטאַטן און קאַנאַדע האָב איך געגרינדעט און געלערנט אין שולן אויפן נאָמען פון ב. באָראָכאָוו.

איך בין געווען אינסטרומענטאַל אין אַרויסגעבן דאָס בוך פון י. זרבבל א"נ ב. באָראָכאָוו, וואָס איז דערשינען אין 1926.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך אויסדריקן מיין חברשן דאַנק מיין פריינט משה סטעריאן פאַר געבן מיר אייניקע אָנווייזונגען ביים שרייבן דעם קאַפּיטל „באָראָכאָוו און רעליגיע"; דער מאָנט־רעאַלער ביבליאָטעק און באַזונדערס איר דירעקטאָר ד. ראָם, ווי אויך דעם דיכטער ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, פאַר אויסלייען מיר די נוי־טיקע ביכער צו מיין אַרבעט.

מ. מ.

דער מאָראַלישער יסוד פון באָראָכאָוויזם

אַ ריינפיר־וואָרט

זינט בער באָראָכאָוו איז געשטאָרבן — שוין 41 יאָר אין דעם — איז וועגן אים אַ סך גערעדט און געשריבן געוואָרן. פאַראַן אַ צאָל ערנסטע מאָנאָגראַפיעס און פאַראַן אויך אין די הונדערטער גרעסערע און קלענערע אַרבעטן, וואָס זענען צעוואָרפן אין צענדליקער אויסגאַבעס, צייטונגען און זשורנאַלן. ווען עמעצער וואָלט זיך גענומען די טרחה דאָס אַלץ צונויפצוזאַמלען, וואָלט זיך באַקומען אַ גאַנץ היפּשע ליטעראַטור פון אָפּשאַצונגען, שילדערונגען, זכרונות און דער עיקר — פירושים, וואָס וואַרפן אַ העל ליכט אויף באָראָכאָוון דעם מענטש און נאָך מער — אויף זיינע ווערק. ווען מען וואָלט אָבער פון דער צווייטער זייט אָוועקגעשטעלט באָראָכאָווס אייגן ווערק; דאָס אַלץ וואָס ער האָט געשריבן אין זיין קורץ לעבן, מיט העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, וואָלט מען ערשט געזען ווי ווייט עס איז נאָך נישט דערזאָגט געוואָרן אַלץ וואָס קען און דאַרף נאָך וועגן אים געזאָגט ווערן.

מיט באָראָכאָוון געשעט אייגנטלעך דאָס זעלבע וואָס מיט אַלע נישט געוויינלעכע מענטשן, וועמענס ראָל אין דער געשיכטע איז נישט קיין פאַרבייגייענדיקע. באָראָכאָוו, ווי מאַרקס, ווי הערצל, ווי שפּינאָזאַ און אַ סך אַנדערע מענטשן פון גרויסן גייסט און ווי־זיע, האָט געשאַפן נישט בלויז פאַר זיין צייט און פאַר זיין דור. פאַראַן ווערק, וואָס זענען געגליכן צו בלומען, וואָס בליִען נאָר איין מאָל אין זייער לעבן. און פאַראַן ווערק, וואָס זענען געגליכן צוביימער, וואָס גיבן פרוכטן יאָר־איין יאָר־אויס. נאָך מער: וואָס על־

טער זיי ווערן דיביימער, אַלץ רייפער ווערן זיי און אַלץ זאַפטיקער זענען זייערע פּירות.

באַראַכאָווס ווערק געהערן צו דעם דאָזיקן מין.

דאָס לעבן האָט נישט בלויז באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון זיין לערע פאַר דער צייט אין וועלכער ער האָט געלעבט. אויך היינט — נישט ווייניקער ווי פריִער — דינט זיין באַגרינדונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע און די קלאַסן־אינטערעסן ביים ייִדישן פאָלק, און די לערע פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם בכלל, ווי אַ קאָמפּאַס פון ייִדישן אַרבעטס־מענטש אויפן קאָמפּליצירטן און זייער שווערן וועג צו זיין נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער דערלייזונג.

אויך היינט איז זיין לערע אַקטועל ווי מיט פופציק יאָר צוריק. זיין ווערק איז דעריבער נישט אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון די היסטאָרישע דאָקומענטן, וואָס פאַרוואַנדלען זיך מיט דער צייט אין דענקמעלער פאַר זייערע באַשאַפער.

דענקמעלער — מעגן זיי זיין ווי גרויס און ווי שיין — דער־מאָנען שטענדיק נאָר אין דער פאַרגאַנגענהייט. מיט דער קעגנ־וואָרט האָבן זיי ווייניק צו טון. באַראַכאָווס ווערק, אָבער, איז דורכויס קעגנוואָרט און צוקונפט. דאָס פאַרמינערט נישט, אויף אַ האָר אַפילו, באַראַכאָווס ביישטייער פאַרן ייִדישן לעבן, און באַזונ־דערס פאַרן ייִדישן אַרבעטער־קלאַס, אין משך פון דעם גאַנצן פאַר־גאַנגענעם האַלבן יאָרהונדערט.

די גרויסקייט באַראַכאָווס באַשטייט טאַקע דערין, וואָס נאָך דעמאָלט, מיט העכער פופציק יאָר צוריק, האָט ער, אין קעגנזאַץ צו פיל אַנדערע דענקער און טעאָרעטיקער פון זיין צייט, געזען נישט בלויז דאָס סטאַטישע אינעם ייִדישן לעבן, נאָר אויך — און טאַקע דער עיקר — **דאָס דינאַמישע**. ער האָט געזען נישט בלויז **דאָס וואָס** עקזיסטירט, נאָר אויך דאָס וואָס קען **ווערן** און מוז **ווערן** אינעם לעבן פון פאָלק. ער האָט געלערנט צו פאַרשטיין, אַז דאָס לעבן בכלל, און אין אונדזער פאַל — דאָס ייִדישע לעבן, און אויך דער גלות, מיט אַלע ספּעציפישע אייגנאַרטיקייטן, וואָס ער האָט געשאַפן אינעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן כאַראַקטער פון פאָלק, איז נישט ווי אַ שטייענדיק וואַסער, וואָס בלייבט אומפאַרענדערט. אין זיינע אויגן איז דאָס לעבן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, פון

פעלקער און פון קלאַסן, געגליכן צו אַ שטראָמיקן טייך, וואָס פליסט אָן אויפהער און ברענגט מיט זיך, אין זיין סטיכישן געלויף, צו דער אַנטוויקלונג פון אַלץ נייע פּראָצעסן, וואָס ווערן געבוירן איינער פונעם צווייטן און באַווירקן איינער דעם צווייטן. אַזוי האָט ער געזען דאָס לעבן פון ייִדישן פאָלק, ווי פון אַלע פעלקער, אַפילו ווען אונדזער פאָלק האָט נישט געלעבט קיין נאָרמאַלן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן לעבן. דערפאַר איז פאַר אים אויך דער גלות, וואָס איז דער אויסדרוק פון דער אַבסאָלוטער אַנאָרמאַלקייט פון ייִדישן פאָלק, נישט קיין פאַרגליווערטער צושטאַנד אין דער ייִדישער געשיכטע.

באָראָכאָוו האָט נישט בלויז באַוויזן, אַז דער גלות איז שלעכט. דאָס האָבן געטון פיל אַנדערע פריִער פאַר אים. און ער האָט נישט בלויז באַוויזן אַז מען דאַרף אַ לייזונג צום גלות, מחמת אויך דאָס איז שוין נישט געווען ניי אינעם באַוואוסטזיין פון פאָלק, אַפילו נאָך אין די גאַנץ ווייטע פאַרגאַנגענע צייטן. ער האָט באַוויזן, באָראָ־כאָוו, אַז דער גלות איז נישט בלויז אַ נאַציאָנאַל פּראָבלעם, נייערט אויך אַ סאָציאַל פּראָבלעם, און די לייזונג מוז דעריבער אויך זיין אַן אינטעגראַלע, וואָס זאָל פולשטענדיק פאַרענטפערן סיי די נאַציאָ־נאַלע און סיי די סאָציאַלע נויטן פון פאָלק. און דער עיקר: ער האָט באַוויזן, אַז די לייזונג איז נישט בלויז נייטיק, נאָר אויך מעגלעך, מחמת זי ליגט אויף דער ליניע פון די סטיכישע פּראָצעסן אין פאָלק גופא, וואָס באַווירקן און דעצידירן דעם גאַנג פון דער ייִדי־שער געשיכטע.

די אַלע וואָס האָבן קריטיקירט באָראָכאָווס טעאָריע וועגן סטיכישן פּראָצעס, האָבן באָראָכאָוון לחלוטין נישט פאַרשטאַנען. באָראָכאָוו, ווי מאַרקס, האָט נישט פאַרלייקנט די ראָל פונעם מענטשן אין דער באַווירקונג פון די פּראָצעסן. ער האָט נאָך ווינ־ציקער פאַרלייקנט די באַדייטונג פון דעם אַקטיוון קאַמף פונעם מענטש צו דערגרייכן זיינע צילן. דערפאַר טאַקע איז באָראָכאָוו געווען נישט בלויז אַ דאָקטער וואָס האָט פאַרשריבן רעצעפּטן פאַר אַנדערע, נאָר ער אַליין איז געווען פון די ערשטע גרינדער פון דער פועלי ציון־פּאַרטיי, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר איר ציל צו אָרגאַ־ניזירן די ייִדישע אַרבעטערשאַפט, אַז זי זאָל זיין בכוח, אַדאַנק איר

אקטיווער ראָל אינעם לעבן; אדאנק איר באַוווּסטזיניקן קאַמף פאַר אירע צילן, צו באַווירקן דעם גאַנג פון די פּראָצעסן, אַז זיי זאָלן נישט פאַרקרימט ווערן אויף זייטיקע וועגן.

ווי געזאָגט, איז באָראָכאָוו מיט דער באַגרינדונג וועגן די סטי־כישע פּראָצעסן אין דער געשיכטע, נישט אויסן געווען צו עלימינירן די ראָל פונעם מענטש אין דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, ווי מאַנכע האָבן בייזוויליק אַריינגעטייטשט אין זיינע רייד, נאָר גראָד פאַרקערט. מיט דער דאָזיקער באַגרינדונג איז באָראָכאָוו אויסן געווען צו געבן דעם ייִדישן אַרבעטער אַ יסוד, אַז זיין קאַמף איז נישט קיין דאָן קיכאָטישער; ער איז אויסן געווען צו פאַרזי־כערן אַז דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער רענעסאַנס, אינעם פולסטן זין פון וואָרט, און דער ייִדישער סאָציאַליזם בכלל, איז נישט סתם אַ שיינע אילוזיע, אָדער אַן אוטאָפּיע אַזאַ, וואָס איז אָפּהענגיק בלויז פונעם גוטן ווילן פון מענטשן, נאָר איז באַזירט אויף פעסטע היס־טאָרישע יסודות.

באָראָכאָוו האָט דעם קאַמף פאַר דער לייזונג פון די אייגנאַר־טיקע פּראָבלעמען פון ייִדישן פאָלק געגעבן אַ וויסנשאַפטלעכן יסוד, און אין דער הינזיכט האָט ער אויפגעטאָן פאַרן ייִדישן אַרבעטער־קלאַס און פאַרן גאַנצן ייִדישן פאָלק דאָס זעלבע וואָס מאַרקס האָט אויפגעטאָן פאַרן וועלט־פּראָלעטאַריאַט. איך וואָלט געזאָגט, אַז ביידע האָבן זיי געגעבן — יעדער איינער אויף זיין שטח — די מאָראַלישע באַזע פאַרן קאַמף צו דערגרייכן דעם זיך געשטעלטן ציל.

דווקא מאַרקס, דער באַגרינדער פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, האָט געגעבן דעם גרעסטן מאָראַלישן אָנשפּאַר דעם קאַמף פאַרן סאָציאַליזם. כדי דאָס צו פאַרשטיין, דאַרף מען זוכן דעם מאָראַלישן ווערט פון דער מאַרקסיסטישער לערע נישט דווקא אין דער שאַב־לאָנער מאָראַל־פּרעדיקעריי וועגן סאָציאַליזם, נייערט אין דער באַ־גרינדונג, אַז דער קאַמף פאַרן סאָציאַליזם האָט אַ היסטאָרישן יסוד און אַז די פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם איז באַזירט אויף דער אומפאַרמיידלעכער אַנטוויקלונג פון די סאָציאַלע פּראָצעסן אינער־האַלב דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

דאָס וואָס מאַרקס האָט אויפגעטון פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן אַר־

בעטער-קלאַס אין זיין גערנאַגל פאַר אַ בעסערער וועלט, האָט באַראָכאָוו, אויפן סאַמע מאַרקסיסטישן אופן, אויפגעטון פאַרן יידישן פאָלק, וועמען מאַרקס אַליין האָט — ווי פּאַראַדאָקסאַל עס זאָל ניט קלינגען — אַנטי-מאַרקסיסטיש פאַרלייקנט ווי אַ פאָלק מיט רעכטן פאַר זיין נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ.

אַדאַנק זיין מאַרקסיסטישע באַגרינדונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, האָט באָראָכאָוו פאַרלייגט דעם מאָראַלישן יסוד אינעם קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער לייזונג פונעם גלות-פּראָבלעם.

דאָס איז זיכער באָראָכאָווס גרעסטער אויפטו, הגם וועגן דעם איז ווייניקער געשריבן געוואָרן ווי וועגן פיל אַנדערע געביטן פון זיין לערע. ער האָט נישט בלויז געהאָלפן געשטאַלטיקן און קרעפטיקן דעם גאולה-אידעאַל; ער האָט נישט בלויז באַגרינדעט די טעאָריע פון סאָציאַליסטישן ציוניזם, וואָס קיינער האָט נישט באַוויזן צו באַגרינדן אַזוי קלאָר ווי ער, נאָר אויך דעם כלי זין צו דערגרייכן דעם אידעאַל האָט ער געשאַפן, אַדאַנק דער מאָראַלישער באַזע וואָס ער האָט פאַרלייגט פאַרן דאָזיקן קאַמף.

היינט, צען יאָר נאָך דער אַנטשטייונג פון דער מדינה און נאָך די אַלע גורלדיקע געשעענישן אין דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט אינעם לעבן פון דער וועלט און פון פאָלק, וואָס האָבן פולשטענדיק געענדערט אונדזער אויסזען און אונדזער סטאַטוס ווי אַ פאָלק צווישן אַלע אַנדערע פעלקער, זעט אויס באָראָכאָווס לערע אַזוי קלאָר און פאַרשטענדלעך, ווי קלאָר עס איז, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר.

דאַרף מען נאָך היינט דיסקוטירן צי יידן זענען אַ פאָלק, צי נישט?

דאַרף מען נאָך היינט פרעגן צי ישראל קען ראַדיקאַל לייזן די יידן-פראַגע?

דער ענטפער ווערט געגעבן פונעם לעבן אַליין יעדן טאָג און יעדע שעה. און אויב ס'איז נאָך געווען אַ געוויסער טייל פון פאָלק וואָס האָט געגלויבט, אַז ס'איז דאָ אַן אַנדער לייזונג, אַ נישט-ציוניסטישע, איז געקומען די רעאַליטעט פון דער יידישער לאַגע אין ראַטנפאַרבאַנד און גאָר לעצטנס — די עליה פון רומעניע, מיט איר אייגנ-

אַרטיקן זיין און כאַראַקטער, און האָט באַוויזן, אַז פאַר יידן, ווי אַ פאָלק, איז פאַראַן נאָר איין נאַציאָנאַלע לייזונג און נאָר איין וועג — ישראל!

דאָס איז היינט. אָבער מיט פופציק יאָר צוריק האָט מען גע־מוזט פאַרמאָגן אַ גאוניש־וויטזיכטיקן בליק און אַ גוואַלדיקע וויזיע, וואָס גאָר ווייניק מענטשן זענען דערמיט געבענטשט, כדי דאָס אַלץ פאָרויסצוזען מיט אַזאַ אַנאַליטיש־קרישטאָלענער דורכזיכטיקייט און וויסנשאַפטלעכער פינקטלעכקייט, ווי באָראָכאָוו האָט עס געזען און געלערנט זיינע תלמידים און נאָכפאָלגער.

אויפן שטח פון דער נאַציאָנאַלער לייזונג פון דער יידן־פּראָגע איז שוין היינט, אייגנטלעך, קיין ערנסטער וויכוח מער נישטאָ. דאָך פאַרלירט נישט באָראָכאָווס לערע אויך היינט אַ האָר פון איר אַק־טועלקייט.

פיל אָנהענגער פונעם ציוניזם ווילן שוין היינט זען אין דער מדינה די פולע לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע. מען פאַרגעסט אָבער, אַז די אמתע לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע איז — ווי באָראָכאָוו האָט פאָרויסגעזאָגט — דורכויס געבונדן מיט דער ליי־זונג פון די סאָציאַלע פּראָבלעמען פון יידישן פאָלק. פונקט ווי ס׳איז נישט מעגלעך קיין ערנסטע סאָציאַלע לייזונג פון דעם יידן־פּראָב־לעם, אָן דער נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע פון יידישן פאָלק אין זיין לאַנד — אָן ישראל, אַזוי איז אויך נישט מעגלעך די וויַיטער־דיקע נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג פון פאָלק, אָן דער לייזונג פון זיינע סאָציאַלע פּראָבלעמען — אָן סאָציאַליזם.

באָראָכאָוו האָט עס קלאָר געגעבן צו פאַרשטיין, און ער האָט דעריבער פאַרבונדן די נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ פון פאָלק מיט דעם אויפקום פון יידישן אַרבעטער־קלאַס, מיט זיין אַנטוויקלונג און מיט זיין קאַמף פאַר אַ יידיש־סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אינעם יידישן לאַנד.

אויך די דאָזיקע לערע באָראָכאָווס וועט מקוים יעדן טאָג אין די שטעט און אויף די פעלדער פון ישראל. זי וועט פאַרווירקלעכט די לערע זיינע אינעם קלאַסן־קאַמף, וואָס באָראָכאָוו האָט פאָרויס־געזען ווי אַ נאַטירלעכן פּראָצעס, און זי וועט פאַרווירקלעכט דורך דער שעפערישקייט, וואָס די אַרבעטערשאַפט אין ישראל ברענגט

אַרויס פון זיך אויף אַלע שטחים פונעם לעבן, אַזוי אין שטאָט ווי אין דאָרף; אין קיבוץ און אין דער פאַבריק; אין דער אַבסאָרבירונג פון נייע עולים און אין דער פאַרטיידיקונג פון לאַנד; אין דער באַנייטער קולטור און אין דער דערציִונג; מיט איין וואָרט — אין אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיטן פּראָגרעס פון לאַנד און פון פאָלק.

דאָס אַלץ איז פאַרבונדן — ווי מיר ווייסן — מיט אַ גרויסן געראַנגל און מיט טיפע ענדערונגען אינעם גאַנצן וועזן פון פאָלק, וואָס האָט בכלל נישט קיין ביישפּילן ביי אַנדערע פעלקער. און אַזוי לאַנג ווי דער קאַמף פאַרן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן פּראָגרעס וועט אָנגיין אין ישראל און איבער דער וועלט, אַזוי לאַנג וועט נאָך אַלץ דינען באָראָכאָווס לערע ווי אַ קאָמפּאַס און ווי אַ מאָראַלישע דערמוטיקונג פאַר דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט צו גיין אויפן ריכטיקן וועג, וואָס די געשיכטע האָט פאַר איר אָנגעצייכנט, ווי די טרעגערין און רעאַליזירערין פון דעם סאַמע העכסטן גאולה-אידעאַל פון ייִדישן פאָלק.

***

דער מחבר פון דער נאָכפאָלגנדיקער אַרבעט, מיין לערער און חבר משה מענאַכאָווסקי, איז נישט אויסן מיטן דאָזיקן בוך צו שטעלן אַ דענקמאָל פאַר בער באָראָכאָוון. דער ציל וואָס דער מחבר האָט זיך געשטעלט, איז צוצוגעבן נאָך אַ שטראַל ליכט אויף דער וווּנדערלעכער באָראָכאָוו-געשטאַלט און אויף זיין ווערק. ער איז אויסן צו רופן די אויפמערקזאַמקייט פון דעם לייענער אויף באָראָכאָווס פּילזייטיקן שאַפן, כדי דער ייִדישער אַרבעטס-מענטש, די ייִדישע אינטעליגענץ און די נייע גענעראַציע זאָל זיך אינספּירירן אין באָראָכאָוון דעם מענטש און אין זיינע שעפערישע אויפטוען.

ווי דער לייענער וועט זען, האָט מענאַכאָווסקין מער פון אַלץ אינטערעסירט אַרויסצוברענגען באָראָכאָווס פּילזייטיקייט, זיין גרויסע ערודיציע און זיין שעפערישע פילפאַרביקייט. דערפאַר האָט ער זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף איין געביט בלויז פון באָראָכאָווס שאַפן, נאָר אויף פאַרשיידענע געביטן. מענאַכאָווסקי — ווי מען זעט קלאָר — האָט נישט פּרעטענדירט אַרומצונעמען אַלץ. אָבער פון דעם וואָס ער האָט יאָ אַריינגענומען אין זיין בוך, זעט מען, אַז ער האָט זיך טיף דורכגעדרונגען אין באָראָכאָווס ווערק און איז

שטאַרק באַווירקט פון אים אין זיין גאַנצן אַרט־דענקען. די ליב־שאַפט צו באָראָכאָוון, די טיפע פאַרערונג פאַר דעם גאון פון פאָל־טאָווע — ווי מען האָט אים גערופן — קומט דאָ צום אויסדרוק נישט בלויז אין דער דירעקטער אָפּשאַצונג וועגן באָראָכאָוון, נאָר אויך אומדירעקט — אין דער פיעטעט מיט וועלכער מענאַכאָווסקי רעדט וועגן אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו באָראָכאָוון דעם מענטש, צו זיינע אידייען און צו זיינע פאַרשיידענע אַרבעטן אויף אַלערליי שטחים פון פּאָליטישן, סאָציאַלן און קולטורעלן לעבן פון פאָלק.

מער ווי אַ העלפט פונעם בוך ווידמעט מענאַכאָווסקי באָראָ־כאָווס אַרבעטן אויפן געביט פון דער ייִדישער פילאָלאָגיע, ליטע־ראַטור און רעליגיע.

באָראָכאָווס ביישטייער פאַר דער פאָרשונג פון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור איז נישט אַזוי פּאָפּולער און באַוווּסט ווי זיינע אַרבעטן אויפן סאָציאַל־פּאָליטישן שטח. אָבער ס'איז קיין ספק נישט, אַז אויך אויף דעם געביט האָט באָראָכאָוו דערפילט אַ גרוי־סע פּיאָנערישע שליחות. היינט איז וועגן דעם קיין שום וויכוח נישטאָ, און ער ווערט דעריבער פון אַלע זאַכקענער אָנערקענט ווי איינער פון די גרונטלייגער פון דער ייִדישער שפּראַך־פאָרשונג, און דאָס זעלבע אויך — בנוגע דער פאָרשונג פון דער ייִדישער לי־טעראַטור.

ביי זיין גאַנצער פאַרנומענקייט ביי דער פּאַרטייאישער און פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, שוין אָפּגערעדט פון זיינע אַנ־צאָליקע אַרויסטריטן און שריפטלעכע אַרבעטן, וואָס זענען געוואָרן דער יסוד פון דער אידייע פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם, האָט באָראָ־כאָוו דאָך געפונען צייט צו פאָרשן די ייִדישע שפּראַך און ליטעראַ־טור. און ס'איז נישט קיין צופאַל די דאָזיקע באַציִונג באָראָכאָווס צו אָט דעם געביט פון ייִדיש־קולטורעלן לעבן. אין דער שפּראַך און אין דער ליטעראַטור, ווי אין דער קולטור בכלל, האָט ער געזען די גייסטיקע יסודות פאַר דער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פון פאָלק. דאָס איז דער בעסטער באַווייז, אַז באָראָכאָוו האָט דאָס נאַציאָנאַ־לע פּראָבלעם אויפגענומען אין זיין גאַנצן פאַרנעם, און ער האָט דעריבער געזוכט צו געבן דערויף אַ פולע און אינטעגראַלע לייזונג. און ווי קען זיין אַן אינטעגראַלע לייזונג, אויב צוזאַמען מיטן נאַציאָ־

נאַלן און סאָציאַלן רענעסאַנס פון פאָלק וועט נישט קומען אויך זיין גייסטיק-קולטורעלער רענעסאַנס?

ביי באָראָכאָוון — ווי מיר זעען — איז אומצעטיילבאַר דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אויפשטייג פון פאָלק פון דעם קולטורעלן אויפשטייג. און באָראָכאָוו האָט נישט בלויז געפּרעדיקט וועגן קולטור-רענעסאַנס, נאָר ער האָט אַליין אויך געשאַפן גרויסע וויסנשאַפטלעכע ווערטן, וואָס וועלן אויף שטענדיק פאַרבלייבן יסודות־דיק פאַר דער פאָרשונג און אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. זיין גרענעצלאָזע ליבשאַפט צום פאָלק און צום ייִדישן אַרבעטס-מענטש און זיין וויזיע וועגן דער היסטאָרישער ראָל וואָס ער האָט צו דערפילן, האָט באָראָכאָוון געפירט דערצו, אַז ער זאָל זאָרגן פאַרן גייסטיק-קולטורעלן וואָפן פון פאָלק, נישט ווייניקער ווי פאַר זיין כלי-זין אינעם פּאָליטישן קאַמף.

און ס'איז אויך נישט קיין צופאַל וואָס מענאַכאָווסקי האָט דעם טייל פון באָראָכאָווס שאַפן געשענקט אַזאַ גרויסע אויפמערקזאַמקייט. ערשטנס — וואָלט אָן דעם די באָראָכאָוו-פּערזענלעכקייט און באָראָכאָווס שאַפן נישט אַרויסגעקומען אין דער פולער און גאַנצער ליכט, און צווייטנס — שפּיגלט עס אויך אָפּ, אין אַ גרויסער מאָס, דעם גייסטיקן מהות פונעם מחבר פון בוך. מענאַכאָווסקי איז אַ פאַרליבטער אין דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור; אַ פאַרליבטער אין די קולטור-שעפערישע ווערטן פון אונדזער פאָלק. זיין פאַרערונג פאַר באָראָכאָוון איז זיכער געקומען — קודם-כל — צוליב באָראָכאָווס אידייאישער אויפפאַסונג פון די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פּראָבלעמען פון ייִדישן פאָלק, אָבער גאָר נישט ווייניק — גלייב איך — האָט אויך געווירקט אויף מענאַכאָווסקין דעם קולטור-מענטש באָראָכאָווס באַציִונג צו די גייסטיקע און קולטורעלע ווערטן פון פאָלק און זיינע לייסטונגען אויפן דאָזיקן געביט.

אין די מערסטע אָפּהאַנדלונגען וועגן באָראָכאָוון דערשיינט ער אָדער אין דער געשטאַלט פון דעם פּאָליטישן טוער, דענקער און טעאָרעטיקער פון אַרבעטער-ציוניזם, אָדער ער דערשיינט ווי דער קולטור-טוער און פאָרשער פון ייִדיש-לשון. מענאַכאָווסקי האָט זיך באַמיט צו ווייזן אונדז, אַז ביידע געביטן זענען אומצעטיילבאַר אין באָראָכאָווס שאַפן און אַז דווקא אין דער פילזייטיקייט זיינער באַ-

שטייט די מאַנאַליטישע אייניקייט און גאַנצקייט פון דער באַראַכאָוו־פערזענלעכקייט.

אָן שום ספק, איז עס אַ וויכטיקער ביטראַג צו דערקענען בעסער באַראַכאָוון דעם מענטש און באַראַכאָווס שאַפונגס־וועג.

**

דער אידייאיש־פּאָליטישער אַספּעקט איז ביי מענאַכאָווסקין פאַרבונדן מיט אַ ריין מענטשלעכן געפיל פון דרך־ארץ און יראת־הכבוד צום מענטש גופא. אָפט דוכט זיך, אַז דאָס לעצטע איז פאַרן מחבר דאָס סאַמע עיקרדיקסטע און דעציזירנדיקסטע. הגם עס איז קלאָר, אַז דער וועג צום מענטש פירט דורך די געמיינזאַמע אינטע־רעסן און דורך דער געמיינזאַמער אידייאישער פאַרבינדונג.

מענאַכאָווסקי איז זיין גאַנץ באַוווסטזיניק לעבן אַ באַראַכאָ־וויסט. ווי אַזעלכן האָב איך אים דערקענט נאָך אין מיינע קינדער־יאָרן, ווען ער איז געווען מיין לערער און דירעקטאָר אין דער צישאָ־שול, אין בריסק ד׳ליטע. און איך געדענק, אַז שטענדיק ווען ער האָט גערעדט וועגן באַראַכאָוון, האָט ער געזען פאַר זיך נישט בלויז דעם באַזאַכטן, טיפזיניקן דענקער, דעם פאָרשער און טעאָרעטיקער, נאָר אויך דעם לעבעדיקן מענטש. דער מענטש באַראַכאָוו, מיט זיינע גרויסע מענטשלעכע מעלות, האָט אים אַלעמאָל אינטערעסירט. אַזוי האָט ער אויך גערעדט און געלערנט וועגן אַנדערע פערזענלעכ־קייטן, וועגן שרייבער און וועגן היסטאָרישע פיגורן. ער האָט אַלע מאָל געזוכט אַרויסצושיילן פונעם ווערק זיין באַשאַפער, דעם מענטשן. דאָס מענטשלעכע אינעם מענטש איז אייגנטלעך אַלע מאָל געווען דער לייטמאָטיוו פון אַלע זוכענישן זיינע. ביי באַראַכאָוון האָט ער געפונען די שלימות פון דעם מענטש און זיינע אידעאַלן; ער האָט אין אים געזען נישט בלויז אַ גייסטיקן ריז, נאָר אויך אַ מאָראַליש־מאָנאַליטישע פערזענלעכקייט. דאָס האָט אים אַממערסטן אימפּאָנירט. און אַז מען וועט וועלן דערפון מאַכן אַ פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז, וועט עס זיכער פירן צו פאַרשטיין אויך אים אַליין — **דעם מענטש מענאַכאָווסקין.**

עס זענען זינט דעמאָלט אַריבער צענדליקער יאָרן. מ. מענאַ־כאַװסקי איז פאַרװאַגלט געװאָרן אין װײַטן צפונדיקן קאַנאַדע. אָבער ער איז פאַרבליבן דער זעלבער געטרײַער, איבערגעגעבענער ייִדישער לערער; דער זעלבער מענטש־זוכער; דער זעלבער איבער־צײַגטער באָראָכאָװיסט. און דאָס טאַקע — זעט אױס — דער דראַנג צו דער מענטשלעכער שלימות, דער יחידישער און דער קאָלעקטי־װער — פון אײן זײַט, און פון דער צװײטער — די גרױסע פאַר־ערונג װאָס נעסטעט אין אים זײַן גאַנץ לעבן פאַר באָראָכאָװן דעם מענטש און זײַן װערק, האָט אים געבראַכט צו דער דאָזיקער אַרבעט.

בײַם לײענען דאָס בוך האָב איך כסדר געהאַט דאָס געפיל װי מענאַכאָװסקי װאָלט אָװעקגעשטעלט די באָראָכאָװ־געשטאַלט הינטער דער פאַרגרעסערונגס־גלאָז פון אַ גרױסן עפּידיאַסקאָפּ, כדי מיט זײַן ליכט נאָך מער צו באַלײַכטן באָראָכאָװס גאָונישע גרױס־קײַט. דערבײַ האָט זיך מיר געדוכט װי ער שטײט מענאַכאָװסקי און װײַזט אָן מיטן פינגער:

„זעט, לערנט פון אים. נעמט אים פאַר אַ בײַשפּיל”.

און ס׳איז קײן ספק נישט, אַז נאָך דורות און דורות װעלן קענען און דאַרפן לערנען פון באָראָכאָװן און נעמען פון אים אַ בײַשפּיל װי צו פאַרװירקלעכן דעם אידעאַל פון מענטשלעכער און ייִדישער דערלײזונג.

*****

אױב די אױפגאַבע פון אַן אַרײַנפיר־װאָרט איז צו עפענען די טױערן פונעם בוך, טו איך עס איצט גערן, מיט אַ באַזונדערער פרײד און פאַרגעניגן. איך עפן דעם טױער פאַר מײַן לערער און חבר משה מענאַכאָװסקי, װאָס פירט אונטערן אָרעם אונדזער בײדנס גרױסן לערער און מורה דרך, דעם װעג־װײַזער פון דורות בױער און קעמפער פאַרן סאָציאַליסטישן ציוניזם, בער באָראָכאָװ, כדי אים פאַרצושטעלן פאַרן לײענער אַזױ װי ער, מענאַכאָװסקי, זעט אים.

און וואָס מערער ייִדישע אַרבעטס-מענטשן, יוגנטלעכע און דערוואַקסענע, עס וועלן אים קענען; וואָס בעסער און גרינטלעכער מען וועט אים פאַרשטיין, אַלץ בעסער און געזונטער וועט זיין פאַרן ייִדישן פאָלק און פאַרן ייִדישן לאַנד, און במילא אויך — פאַרן ייִדישן מענטש.

חיים פינקעלשטיין



1900 באָראָכאָוו אין יאָר

I

באָראָכאָוו דער מענטש און געזעלשאַפטלעכער טוער

דאָס דאָזיקע קאַפּיטל איז קאָנסטרויִרט אויפן סמך פון 7 בריוו וואָס ב. באָראָכאָוו האָט געשיקט צו ש. ניגערן ע״ה און אויפן סמך פון מיינער אַ פּערזענלעכער באַגעגעניש מיט אים אויף דער פּערטער וועלט־קאָנפערענץ פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג אין קראָקע, 1913.

באָראָכאָוו איז ביי זיין גאַנצער פאַרנומענקייט געווען אַ גרויסער בריוו־שרייבער און זיינע בריוו זענען געווען זייער לאַנגע. עס זענען געווען בריוו, וואָס אין דרוק פאַרנעמען זיי 10־12 זייטן. אין די בריוו האָט באָראָכאָוו נישט נאָר זיך געטיילט מיט זיינע פּריוואַט אָדער געזעלשאַפטלעכע טוער וועגן זיינע פּערזענלעכע ענינים, נאָר ער האָט אויך באַרירט פראַגן פון וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער. איבערהויפּט האָט ער געשריבן אין זיי גאַנצע טראַקטאַטן וועגן פילאָלאָגיע, ייִדישער ליטעראַטור, אָפּשאַצונגען פון אַרטיקלען, ביכער אד״גל.

אין אַ בריוו פון 14טן דעצעמבער 1912, וואָס פאַרנעמט 12 גרויסע זייטן פון די ייִוואָ־בלעטער, באַהאַנדלט ער דאָס פּראָבלעם פון וויסנשאַפטלעכער גראַמאַטיק און פאָלקלאָר־פאָרשונג. אינעם בריוו זאָגט ער, אַז עס איז נייטיק מען זאָל גלייכצייטיק אַנטוויקלען די שיינע ליטעראַטור, ליטעראַרישע קריטיק, די פילאָלאָגיע און די נאַציאָנאַלע פּובליציסטיק.

ש. ניגער דערציילט, אַז צופעליק האָט ער, ניגער, דערמאָנט אין אַ בריוו צו באָראָכאָוון וועגן פרוידס טעאָריע וועגן פּסיכאָאַנאַליז, האָט ער פון אים געקראָגן אין אַ בריוו אַן אָפּהאַנדלונג וועגן די פאַרשיידנסטע פּסיכאָ־

פּאַטאָלאָגישע און מעדיצינישע פּראָבלעמען. ער פּלעגט אין איין בריוו, שרייבט ניגער, אַריינלייגן מער ערודיציע און מער שאַרפזין ווי אַנדערע אין צענדליקער אַרטיקלען.

אין אַ בריוו פון 12טן אָקטאָבער 1912, שרייבט באַראַכאָוו: „אויפן טיש ליגן העכער פערציק בריוו, וועלכע איך האָב פאַר דער גאַנצער צייט נישט געענטפערט. מיינע רעדאַקציעס שפּרינגען פון דער הויט, וואַרטנדיק פון מיר אויף קאָרעספּאָנדענציעס און אַרטיקלען״.

באַראַכאָוו האָט געהאַט אַ שווער, אָרעם לעבן. אין אַ בריוו שרייבט ער: „מיט מיר האָט פּאַסירט אַ פאַל וועלכן מען באַטראַכט געוויינלעך אַלס גליק („מזל־טוב״) נאָר ביי מיר איז ער פאַרבונדן געווען שיעור מיט אַן אומגליק. מיין פרוי האָט מיר געבראַכט אַ טעכטערל, דער געבורט אָבער האָט זיך פאַרבונדן מיט גרויסע שמערצהאַפטע און לאַנגדויערנדיקע פאַרוויקלונגען, וועלכע האָבן ביי מיר צוגענומען די גאַנצע צייט, מינוט נאָך מינוט. אַצינד איז שוין מיין פרוי עפּעס בעסער, איך קען זיך שוין נעמען פאַר דער גע־וויינלעכער אַרבעט״.

אין אַ יאָר שפּעטער, און דאָס איז געווען פיר יאָר פאַר באַראַכאָווס פריצייטיקן טויט, האָט דער מחבר פון די שורות געהאַט אַ געלעגנהייט צו זיין מיט אים אונטער איין דאַך אַ קאַרגע וואָך. דאָס איז געווען זומער צייט, 1913. אין קראָקע איז דאַן פאָרגעקומען דער פערטער וועלט־צוזאַמענפאָר פון די פּועלי־ציון. איך בין געווען אַ דעלעגאַט ביים צוזאַמענפאָר. צוזאַמען מיט מיר זענען געקומען פון רוסלאַנד יצחק לעוו ע״ה און איינער אַ חבר פון לאָדזש מיטן נאָמען עמנואל. די רוסישע דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון די דריי אויבנדערמאָנטע חברים און די חברים פון צ״ק, וואָס האָבן זיך געפונען אין ווין און זענען געקומען קיין קראָקע צום וועלט־צוזאַמענפאָר. אין צ״ק פון דער רוסישער פּועלי־ציון־פּאַרטיי איז דאַן געווען אויך באַראַ־כאָוו און די גאַנצע רוסישע דעלעגאַציע איז איינגעשטאַנען אין איין האָטעל, בכדי צו האָבן אַ מעגלעכקייט אָפּצוהאַלטן באַראַטונגען און אויך אָפּהאַלטן אַ פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

באַראַכאָוון האָב איך דאַן דערזען אין זיין גאַנצער גרויסקייט, ווי פּשוט ער איז געווען און ווי פריינטלעך צו יעדן איינעם. אַ לערער און אַ חבר איינצייטיק. באַראַכאָוו, דער קאַבינעט־מענטש, דער מחבר פון אַזויפיל אַר־

בעטן אויף פאַרשיידענע וויסנשאַפטלעכע געביטן, איז גלייכצייטיק אַן אָרגאַ־ניזאַטאָר און אַלץ ווערט דורך אים געטון מיט אַזאַ פּינקטלעכקייט.

פּונקט ווי ער איז געווען מלא וגדוש מיטן וויסן, אַזוי אָרעם איז ער געווען מאַטעריעל. איין מאָל בין איך אַריין אין זיין צימער. זע איך, ווי ער שמייכלט און וואַשט זיין גומענעם קראַגן פון העמד: „מען דאַרף זיין שפּאָר־זאַם און מען טאָר זיך נישט דערלויבן צו מאַכן גרויסע הוצאות, וואַש איך אַליין מיין גומענעם קראַגן. ער טראָגט זיך אויף לענגער, ווערט נישט אַזוי שנעל צעריסן". און געקלערט האָב איך ביי זיך — אַזאַ גאון און לעבט אין אַזאַ אָרעמקייט, אַז ער מוז זיך אַליין אויסוואַשן זיין העמד.

זיין גרויס אָרעמקייט און דחקות האָט אים נישט געשטערט צו העלפן חברים אין נויט. אין אַ בריוו פון 11טן מערץ 1913 שרייבט ער: „איך האָב צו אייך גאָר אַ וויכטיקן ענין. ד״ר ג. בירנבוים געפינט זיך שוין פון אַ לאַנגער צייט אין אַן אומגליקלעכער מאַטעריעלער לאַגע. ער איז דאָ גע־ווען מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק און איך האָב מיט אים פיל גערעדט וועגן דער זאַך. ער נייטיקט זיך אין אַ באַלדיקער שטיצע און חוץ דעם אין אַ מקור (פון פּרנסה) אויף שטענדיק". אַזוי גייט אַן ב. באָראָכאָוו אויף צוויי געדרוקטע זייטן מיט אַ פּלאַן ווי איינצואָרדענען ג. בירנבוימען. ער פאַר־ענדיקט דעם טייל בריוו מיט דעם פּאַראַגראַף: „איר מעגט מיר גלייבן, אַז איך שעץ אייער צייט אַזוי הויך, אַז איך וואָלט מיר נישט דערלויבט אַרויפ־צולייגן אויף אייך נייע זאָרגן, ווען ס׳וואָלט זיך נישט געהאַנדלט וועגן אַן ענין וואָס איז אייך געוויס טייער. איך ספק נישט, אַז ד״ר בירנבוימען אויסצולייזן זיך פון דער שרעקלעכער, מאָראַליש־דערשטיקנדיקער לאַגע וועט פאַר אייך זיין אַן אויפגאַבע, ווו איר וועט נישט שפּאָרן קיין כוחות און נישט אָפּשטעלן זיך פאַר קרבנות. ס׳זענען פאַראַן ענינים, ווו דער מענטש פילט גאָרנישט די שוועריקייט פון אַרבעט, אָדער דעם ווערט פון צייט. דאָס זענען ווערטן. פאַר מיר, למשל, איז דער „פּנקס" אַזאַ ווערט, און מיר שיינט, אַז ד״ר בירנבוימס טעטיקייט און געדאַנקען־קאַמף שטעלן מיט זיך פאָר אַן אָביעקטיוון ווערט פאַר אונדז אַלעמען, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס מיט זיינע געדאַנקען, איינציקווייז גענומען, קאָנען מיר זיך גאָר ווייט פאַנאַנדערגיין".

נישט נאָר פון יענעם פאָדערט באָראָכאָוו נישט צו שפּאָרן קיין כוחות

ווען מען דאַרף עמעצן העלפֿן. ער אַליין איז גרייט צו טון דאָס זעלבע. זיין אייגענער מצב רוח, זיין שווערע עקאָנאָמישע לאַגע האַלטן אים נישט אָפּ פֿון צו דערפֿילן זיין מענטשלעך־חברישן חוב.

אין אַ ווייטערדיקן בריוו, אין העכער אַ חודש שפּעטער, סוף אַפּריל, באַהאַנדלענדיק אַ גאַנצע ריי פֿראַגן, וואָס האָבן צו טאָן מיט ייִדישער גראַ־מאַטיק, וועגן שרייבער און זייערע ווערק, וועגן זיין אייגענער וויסנשאַפֿט־לעכער אַרבעט, קומט ער ווידער צום ענין נ. בירנבוים". „אַזוי ווי איך בין געווען נישט געזונט (אַפּאַטיש, פֿאַרפֿאַלגט פֿון שלאָפֿלאָזיקייט און פֿון שווערע אידייען) האָב איך נאַטירלעך נישט געקענט אַרבעטן אין דער ריכ־טונג. חוץ דעם שטערט מיר מיין אָפּגעריסנקייט פֿון ריסלאַנד. היינט האָב איך זיך שוין אויסגערוט, פֿיל זיך גאַנץ געזונט און וועל זען עפּעס טון אין דעם פּרט. איך מוז אָבער נאָך איינאָרדענען די פּערזענלעכע געשעפֿטס־ענינים (זשורנאַליסטישע), וואָס זענען לגמרי פֿאַרלאָזט געוואָרן. און באַלד נאָך דעם וועל איך זיך נעמען פֿאַר אייניקע פֿאַרבינדונגען, וואָס קענען אפֿשר נוצן מכוח בירנבוימען". ער זעצט ווייטער פֿאָר דעם בריוו וועגן די שטימונגען פֿון בירנבוימען וואָס שטערן אים — בירנבוימען — עפּעס צו שאַפֿן.

פּונקט ווי ער איז פֿול מיט גוטסקייט, אַזוי איז ער שטרענג צו די וואָס שטייען נישט אויף דער געהעריקער הויך. ער איז אַ בייזער דעבאַ־טאַנט. אָט שרייבט ער וועגן מתתיהו מיזעש — אַ פֿילאָלאָג: „מיזעש איז אַ געבוירענער דילעטאַנט, אַ נודנער פֿלאַפּלער, וואָס פּראַלט מיט זיין „לומדות"... וואָסער אַ צוועק האָט זיין דרייען אַ קאָפּ מיט אַלע שבעים לשונות, וואָס ער האָט פֿון קיינע פֿון זיי קיין לעבעדיקן באַגריף? דורכ־געבלעטערט עטלעכע ביכלעך מכוח פֿרעמד־שפּראַכן, נישט שטודירט אויף אַ האָר, און קען זיך נישט איינהאַלטן באַווייזן דעם עולם זיין פֿריש גע־באַקענעם בקיאות", אַזוי גייט ער אָן אַרונטערצורייסן מ. מיזעשן. ער רעדט אָבער נישט סתם אַזוי, נאָר ער ברענגט באַווייזן וועגן דער דילעטאַנטיש־קייט פֿון מיזעשן. אָט איז אַ ביישפּיל: „מיזעש, זיין מאָדנע לאָגיק ברענגט אַרויס: „היות, אַז בולגאַריש און רומעניש שטעלן דעם אַרטיקל צום סוף וואָרט, איז דערפֿון געדרונגען, אַז בולגאַריש איז נישט קיין סלאַווישע שפּראַך און רומעניש איז נישט קיין ראָמאַנישע שפּראַך, נאָר ביידע זענען

טראַקאַאילירישי. מיט דעם זעלביקן נוסח קען מען אַרויספירן — היות, אַז אין די סקאַנדינאַווישע שפּראַכן שטייט דער אַרטיקל צום סוף וואָרט איז דערפון געדרונגען, אַז סקאַנדינאַוויען איז נישט סקאַנדינאַוויען, נאָר באַל־קאַניען און די שוועדן האַלטן מלחמה מיט די טערקן, אין ענוועד־ביי האָט אַנטדעקט דעם דרום־פּאָל". „דער ייִד דעקלינירט נישט דעם סובסטאַנטיוו, נו און דער פראַנצויז דעקלינירט? און דער ענגלענדער? און דער בולגאַר? און דער איטאַליענער? דער רומענער? זענען זיי אַלע ייִדן?" אַזוי ברענגט ער ראיה נאָך ראיה צו באַווייזן זיין נישט איינשטימיקייט מיט אַ קעגנער.

באָראָכאָוו איז געווען זייער אַרבעטזאַם און האָט פאַרמאָגט אַ ים מיט ענערגיע. ער האָט געקענט זיצן ביים שרייבטיש אומצאָליקע שעהן און אויך געפינען צייט פאַר זיין פאַרטיי־אַרבעט.

מיר האָבן אויבן דערמאָנט זיין אָנטייל אין פערטן וועלט צוזאַמענ־פאָר. ער איז פאַקטיש געווען דער קאָפּ פון צוזאַמענפאָר. אין דאָך געפונען צייט פאַר זיין וויסנשאַפטלעכער אַרבעט אַפילו בעתן צוזאַמענפאָר.

אין אַן אָוונט נאָך אַ גאַנצן טאָג זיצן ביי די דיסקוס־עס און אָנטייל־נעמענדיק אין אַלע דעבאַטן, קומט ער אַריין אין האָטעל־צימער וווּ עס איז געזעסן אַ גרופּע דעלעגאַטן פון צוזאַמענפאָר און באַווייזט אַ טעלעג־ראַמע פון ווילנע, וווּ די רעדאַקציע פון „ייִדישע וועלט" פאַרלאַנגט פון אים אָנצושרייבן אין משך פון אַ פּאָר טעג אַ גרעסערן אַרטיקל וועגן אויגוסט בעבעל. הגם ער האָט נישט געהאַט אונטער דער האַנט זיין ביבליאָטעק, האָט ער דאָך דעם אַרטיקל אָנגעשריבן אין משך פון דער נאַכט. ווען דער שרייבער פון די שורות איז געקומען צוריק צו זיך אין שטאָט, האָט ער שוין געטראָפן דעם אַרטיקל אָפּגעדרוקט אין דער „ייִדישער וועלט".

וועגן זיין גרויסער אַרבעטסזאַמקייט, נישט געקוקט אויף זיין שווערער פּערזענלעכער לאַגע, ווייזן אונדז פאָלגנדיקע אויסצוגן פון זיינס אַ בריוו פון ווין, דאַטירט י"ב ניסן תרע"ג (1913): „זייט מיר מוחל, ליבער פריינט, וואָס איך ענטפער שפּעט; איך מוז זיך מודה זיין, אַז אַ דאַנק אַ לאַנגער סדרה פּערזענלעכע שוועריקייטן, וואָס איך האָב געהאַט אויסצושטיין פאַר און בשעת מיין לעצטער אַרבעט, געפין איך זיך אין אַ שטאַרק אַפּאַטישן צו־שטאַנד. כ'האָב זיך פּשוט צופיל איבערגעאַרבעט. די לעצטע פאַר וואָכן קען איך זיך צו גאָר נישט נעמען. ס'נודעט מיר פון יעדער אַרבעט —

אַפילו פון בריוו שרייבן. (פונדעסטוועגן פאַרנעמט דער דאָזיקער בריוו מער ווי 5 געדרוקטע זייטן — מ. מ.) פאַר דעם, ווי איך האָב זיך גענומען צו דער ביבליאָגראַפישער אַרבעט, האָבן מיר דאָ געהאַט גרויסע פאַמיליען־שוועריקייטן, ביז ס'האָט זיך דאָך איינגעגעבן די פיצעלע געזונט צו מאַכן. איצט איז זי שוין אַ געזונטינקע, אַ גאַנץ פריילעכע, און מיר האָבן פון איר אַ סך נחת איידער יסורים... באַלד נאָך דעם ווי איך האָב אייך דעם לעצטן מאָל אָפּגעשיקט די ביבליאָגראַפישע אַרבעט, האָב איך זיך גענומען פאַרן אַרטיקל וועגן יידיש פאַר דער יידישער ענציקלאָפּעדיע אין פעטערבורג (געמיינט „די יידישע ענציקלאָפּעדיע" אויף רוסיש — ש. נ.) אַ גאַנץ גרויסער אַרטיקל, וואָס איך האָב אַהין אָפּגעשיקט מיט 3 וואָכן צוריק. דער אַרטיקל האָט מיר אויך אַ ביסל אָנגעשטרענגט, ווייל איך האָב געמוזט אין גאָר אַ קורצער קאָנספּעקטיווער פאָרם איבערגעבן די געשיכטע פון דער יידישער (נאָר יידיש־טייטשער) שפּראַך, פון אירע דיאַלעקטן, די סטאַטיסטיק פון דער יידישער שפּראַך, איר פאָנעטיק און גראַמאַטיק... די לעצטע פאַר וואָכן בין איך געווען שטאַרק פאַרמאַטערט, געהאַט פיבער, שלאָפלאָזיקייט, געהאַט צו אַמפּערן זיך מיט שווערע פאַרפאַלגנדיקע אידייען".

אין אַן אַנדער פלאַץ האָבן מיר געשריבן וויפל אַרבעטן באָראָכאָוו האָט אָנגעשריבן פאַרן „פנקס". ער העלפט אָבער צו קריגן אויך אַנדערע מיטאַרבעטער און שיקט צום רעדאַקטאָר, צו ניגערן, אַדרעסן פון פאָלגנ־דיקע יידישע געלערנטע: ליטוואַק, מעדעם, רובינשטיין, יצחק שיפּער, מאַקס ראָזנפעלד, פעליקס פאלק (פּראָפעסאָר פון גענפער אוניווערזיטעט), ל. שוס־היים (רעדאַקטאָר פון „יידישן אַרבעטער").

ביי דעם אַלעמען איז ער זייער באַשיידן. ער ווייסט, אַז ער ווייסט נאָך נישט אַלץ. ער שרייבט צו ניגערן, אַז זיין שפּראַך איז אָפּטמאָל אַ הילצערנע און בעט ניגערן עס צו פאַרריכטן.

באָראָכאָוו, דער אייביקער סטודענט, איז זייער אומצופרידן, וואָס יונגע דיכטער האָבן נישט גענוג וויסן און דריקט אויס צופרידנקייט וואָס דער יידישער עולם קריגט סוף כל סוף אַן אינטערעס צום לערנען. ער שרייבט: „די יונגע ליפּמאַן־לעווינס מיט די „יינגסטע" וויעוויאַרקעס האָבן, שיינט מיר, קיין שום השגה אין מענדעלעס אָדער פּרצעס ווערק און אויך קיין חשק נישט צו לערנען זיך. נאָר די לעצטע צייט איז געוואָרן שטיל מיט

דעם סאָרט „שטורעם און דראַנג״ — שיינט מיר, אַז דער עולם קלייבט זיך צו טאָן אַן ערנסטערע אַרבעט״.

אַז ער דערוויסט זיך, אַז ס׳קומען צו נייע פּילאָלאָגן, איז ער מלא שמחה. אַזוי דריקט ער אויס גרויס צופרידנקייט, ווען ער דערוויסט זיך, אַז טשעמערינסקי און קאַלמאַנאָוויטש באַשעפטיקן זיך מיט פילאָלאָגיע. דאָס איז, שרייבט ער, אַ גרויסער געווינס פאַר דער יידישער שפּראַך.

ער זוכט נייע קרעפטן, וואָס זאָלן באַרייכערן דאָס פעלד פון פילאָ־לאָגיע און פרעגט ביי ניגערן צי ער ווייסט ווו עס געפינט זיך ה׳ אייזנ־שטאַט, וואָס האָט צוגעשטעלט אַן ערנסטן, וויסנשאַפטלעכן, לינגוויסטישן רעפעראַט וועגן יידיש צו דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. ער דערמאָנט דערביי, אַז מען האָט אים — אייזנשטאַטן — נישט געלאָזט עס לייענען, ווייל דער עולם האָט זיך געריסן צו די דעקלאַראַציאָנס דעבאַטן און נישט געהאַט קיין חשק צו חקירות.

באָראָכאָוו איז אַ מוראדיקער קעגנער פון דילעטאַנטיזם: שרייבנדיק וועגן בעל־דמיונס אַרטיקל אין „פּנקס״, ווו ער קריטיקירט פינעסעס „די יידישע ליטעראַטור־געשיכטע״ שרייבט ער: „פינעס איז טאַקע ווערט דעם שטעקן! אַזוי אומגעווישהאַפט, אַזוי טאַנדעט ווי זיין „אַרבעט״ איז זעלטן צו געפינען״.

ער איז נישט צופרידן וואָס בעל־דמיון באַהאַנדלט פינעסן מיט „זיי־דענע הענטשקעס״ און ער שרייבט: „אויך בנוגע דער „פערזאָן״ בלייבט דער איינדרוק פון בעל־דמיונס קריטיק עפּעס צעבראָכן אין פּרטים... אַ ספּעציאַליסט זעט, אַז בעל־דמיון האָט שטודירט און געאַרבעט, בעת פינעס האָט זיך געמאַכט אַ לייכטן שפּאַציר איבער די גאָרטנס פון ליטעראַטור״.

באָראָכאָוו איז געווען אַ מענטש פון הויכער עטיק און האָט זיך מיט שנאה באַצויגן צו אומעטישע מענטשן. אָט שרייבט ער וועגן י. י. לערנערן, וואָס בעל־דמיון רעדט וועגן אים אין „פּנקס״ אין זיין רעצענזיע וועגן ד״ר מ. פינעסעס „געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור״: „ווען דער פאַרשוין וואָלט כאָטש געווען עפּעס רעכטס אַלס שרייבער, איז מהיכא תיתא: מעג מען אים דערמאָנען אין „פּנקס״. אָבער ערשטנס, איז ער אַ גאָרנישט, אַ שרייבערל געווען; און צווייטנס, הייסט דאָס נישט דערמאָנען נאָר איינ־שטעלן זיך פאַר אים. בעל־דמיון שטעלט זיך נעמלעך איין פאַר זאמאש־

טשינען און פאַר לערנערן אין איין הרף עין. דערמיט וואָס פּינעס האָט נישט דערמאָנט זאַמאָשטשינען, איינעם פון די איבערגעגעבנסטע אַרבעטער אויפן יידישן ליטעראַטור פעלד — האָט פּינעס זיכער געזינדיקט אַקעגן זיין אויפגאַבע אַלס היסטאָריקער, און בעל־דמיון איז זייער גערעכט, וואָס ער שטעלט זיך איין פאַרן באַעוולטן זאַמאָשטשינען. אָבער פאַר אַ מסור וואָס האָט באַגראָבן דעם ניי־געבוירענעם יידישן טעאַטער, דאַרף זיך דער „פנקס" נישט איינשטעלן. דאָס שמדן זיך בין איך שוין מוחל. סוף כל סוף קענען משומדים ברענגען נוצן דער יידישער זאַך, ווי למשל כ׳וואָלסאָן, אָדער דער גאַנצער מענטשהייט ווי היינע, בערנע, הערשל, ריקאַרדאָ, מאַרקס. אָט האָט מיר די טעג דערציילט ד״ר אַלפרעד לאַנדוי, אַז שעינעאנו האָט זיך געשמדט מיט אַ פאָר יאָר צוריק. פונדעסטוועגן וועל איך דאָך נישט אויס־מעקן מיינע שבחים אויף שעינעאנו פון דער „ביבליאָטעק". יוסף יהודה לערנער איז אָבער פיל ערגער פאַר אַ משומד, ער איז אַ מסור צוליב ריין פערזענלעכער קנאה. ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן גאָלדפאַדענס דער־פאָלג און די מפלה פון זיין אייגענער טעאַטער־אונטערנעמונג, דערפאַר האָט ער געמסרט דעם יידישן טעאַטער בכלל פאַר דער רוסישער רעגירונג. נו, פרעג איך אייך, פאַסט דאָס, אַז דער „פנקס" זאָל זיך פאַר זיין נאָמען איינשטעלן?

וועגן זיינע ביאָגראַפישע פּרטים שרייבט ער: דוב־בער, געבוירן אין זאָלאָטאָנאָש (פּאָלטאַווער גובערניע) ז׳ בתמוז תרמ״א, באַקומען אַ חובבי־ציוניסטישע דערציִונג אין דער היים און אַן אַסימילאַטאָרישע אין גימנאַ־זיע. אָנגעהויבן לערנען יידיש רעדן און שרייבן ערשט אינעם עלטער פון 26 יאָר. האָט אין 7־1906 יאָרן רעדאַגירט דעם „פּראָלעטאַרישן געדאַנק" און „פאָרווערטס" אין ווילנע און דאָס „פרייע וואָרט" אין ווין. אַרבעט מיט אין „יידישן אַרבעטער" (לעמבערג) „וואַרהייט" (ניו־יאָרק), „דאָס יידי־שע פאָלק" (ניו־יאָרק), „פאָלקס־צייטונג" (מאָנטרעאָל), האָט אָנגעשריבן „די יידישע עמיגראַציאָנס פּאָליטיק" (קראָקע 1911); זיינע „קלאַסן־אינטערעסן און די נאַציאָנאַלע פראַגע", געשריבן אין רוסיש, זענען איבערגעזעצט אין יידיש (ווילנע 1907).

די וואָס האָבן אים געקענט, דערציילן, אַז זיינע פעיקייטן האָט ער

נאָך אַרויסגעוויזן ווען ער איז אַלט געווען פיר יאָר און וואָס עלטער ער ווערט, זעט מען אַז עס וואַקסט אַ גאון.

הגם באָראָכאָוו איז געווען אַ וויסנשאַפטסמאַן, איז ער אָבער נישט שטענדיק געזעסן ביי זיין שרייבטיש. ער פאָרט אַרום איבער שטעט און לענדער, האַלט רעפעראַטן, אָרגאַניזירט פאַרשיידענע אַרבעטן, וועלכע ווערן אויף אים אַרויפגעלייגט און וועלכע ער נעמט אַליין אויף זיך. אַלץ ווערט געטון מיט ברען, מיט התלהבות, אַפילו ווען ער זיצט אין פּאָלטאַווער טורמע, אָרגאַניזירט ער דאָרטן אַ פאָלקס־אוניווערזיטעט, ווו ער לערנט. דאָרטן זענען געזעסן פיל אוקראַינישע פּאָליטישע אַרעסטירטע. ער האָט אויף זיי אַזאַ ווירקונג, אַז זיי רופן זיך אָן באָראָכאָווצעס.

אין דער פּועלי ציון־באַוועגונג שליסט זיך אָן באָראָכאָוו אין 1905 און זינט דאַן ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן, דעצעמבער 1917, שטייט ער אין שפּיץ פון דער באַוועגונג.

די וועלט־מלחמה ברענגט אים קיין אַמעריקע. דאָ האָט באָראָכאָוו געפונען אַ ברייט פעלד פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. אַ דאַנק זיין איניציאַטיוו ווערט פאַררופן אַ קאָמיסיע צו שאַפן אַ יידישע גראַמאַטיק און פעסטשטעלן אַ יידישע אָרטאָגראַפיע.

אַ קורץ, זייער קורץ לעבן האָט באָראָכאָוו געהאַט, אָבער אויסערגעוויינלעך רייך איז זיין לעבן געווען אויף אַלע געביטן פון יידישער טעטיקייט.



באָראָכאָוו אין יאָר 1884

II

ב. באָראָכאָוו - דער אומפאַרגעסלעכער גאון פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג

די פּועלי־ציון־באַוועגונג האָט געהאַט — און האָט אויך היינט־צו־טאָג — אַ גרויסע קאַדרע פון פּירנדיקע מענטשן, וועלכע האָבן געשטאַלטיקט, און נאָך ביז איצט פּורעמען זיי דאָס ייִדישע לעבן. קיינער אָבער פון זיי האָט נישט דערגרייכט צו אַזאַ הויך, קיינער האָט נישט אַרויסגעוויזן אַזויפיל געניאַליטעט ווי ב. באָראָכאָוו. געדענקען דאַרף מען דערביי, אַז באָראָכאָוו האָט געלעבט נאָר 36 יאָר; דאָס הייסט, ער איז אַוועק פון אונדז אין זיין סאַמע בליִענדיקסטן עלטער.

ווען באָראָכאָוו איז נאָך געווען, פריִער אַ מיטגליד פון דער יעקאַטע־רינאָסלאַווער אַלגעמיינער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע, און דער־נאָך אַן אַלגעמיינער ציוניסט, איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע פּועלי־ציון־גרופּע אין פּאָלטאַווע — אין 1905.

מינסקער און וויטעבסקער „טאָלקן"

פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציעס זענען אייגנטלעך געווען נאָך פיל פריִער פון 1905: אין 1901 איז געשאַפן געוואָרן דער „מינסקער טאָלק", און אין 1902 — דער „וויטעבסקער טאָלק". ביידע „טאָלקן" האָבן געהאַט אַ פּעסי־מיסטישע אָפּשאַצונג פונעם גלות. די נאַציאָנאַלע פראַגע, האָבן זיי דער־קלערט, רופט זיך אָפּ אַנדערש ביי די באַזונדערע קלאַסן. דעריבער מוז

עקזיסטירן אַ באַזונדערער אַרבעטער־ציוניזם. דער אַרבעטער־ציוניזם האָט גאָרנישט וואָס צו טון, האָבן זיי ווייטער דערקלערט, מיט די פּראָבלעמען פון די לענדער וווּ ייִדן וווינען, און די איינציקע פּאָזיטיווע דערשיינונג אינעם ייִדישן לעבן איז די עמיגראַציע, וועלכע דאַרף געלענקט ווערן קיין ציון.

שוין דאַן זענען געווען פירנדיקע פּועלי־ציוניסטן אין די „טאָלקן". נאָך מער זענען אויפגעקומען נאָך דעם פּאָלטאַווער צוזאַמענפאָר אין פעברואַר 1906 און דער סימפעראָפּאָלער טעאָרעטישער קאָנפערענץ סוף מערץ דעם זעלבן יאָר.

פיל פון זיי שפּילן נאָך היינט־צו־טאָג אַ וויכטיקע ראָל אינעם ייִדישן לעבן. אַ טייל איז שוין אויפן עולם האמת: לעאָן כאַזאַנאָוויטש (כתריאל), געשטאָרבן אין 1925; ד"ר מאַקס ראָזנפעלד, געשטאָרבן 1919, די לעצטנס געשטאָרבענע ש. קאַפּלאַנסקי, א. רעוווצקי, י. זאר, נתן בוקסבוים, יוסף ראָזען און פיל־פיל אַנדערע.

יעדער פון די אויבנדערמאָנטע האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער פּועלי־ציון־באַוועגונג, וועלכע האָט סיי בעל־פּה, סיי בכתב געהאָלפן צו גע־שטאַלטיקן די אידייע פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם.

כתריאל און ד"ר מאַקס ראָזנפעלד

לעאָן כאַזאַנאָוויטש (כתריאל) איז געווען „אַ מתמיד, אַ שאַרפער מוח, וואָס נישטערט און וויל אַלץ דערגרונטעווען זיך צום עיקר... געוואַנדערט פון אָרט צו אָרט און אומעטום געטראָגן דאָס נייע דערפרישנדיקע וואָרט פון פּועלי־ציון, געוואַלגערט זיך אויף חברשע אַכסניות, געשפּאָרט און געקאָרגט דאָס שטיקל ברויט, אָבער נישט אָפּגעלאָזט פון האַנט דאָס ביכל".

„... לאַנגע חדשים זיצט ער אין פּיאָטריקאָווער תפיסה. ער לייענט און שטודירט, שלינגט ביכער און פאַרטיפט זיינע קענטעניש".

„... אין 1907 איז שוין כתריאל צווישן די אָנגעזעענע טעאָרעטיקער, נעמט איבער די רעדאַקציע פון „ייִדישן אַרבעטער"... אויף דער טשערנאָ־וויצער שפּראַך־קאָנפערענץ אין 1908 איז כתריאל איינער פון די אַקטיווסטע און געציילטע פּראָלעטאַרישע פאַרשטייער, וואָס גיבן צו האַפּט און קראַפט

דער ייִדיש־באַוועגונג. ער ווערט אויסגעוויילט אַלס סעקרעטאַר אין דעם נייעם ביוראָ, וואָס דאַרף פירן דעם קאַמף פאַר דער ייִדישער שפּראַך; זיין גרעסערע אַרבעט „די וועלט־ווירטשאַפטלעכע גרונט־געזעצן פון ציוניזם״ איז אַן ערנסטער וויסנשאַפטלעכער בייטראַג צו דער אויפקלערונג און באַגרינדונג פון פּועלי־ציוניזם״.

זיין קאַמף וואָס ער האָט געפירט מיט דער יִיק״אַ־אַדמיניסטראַציע אין אַרגענטינע מאַכט אַ רושם אויף דער גאַנצער וועלט. כתריאל שרייבט אַן אַ בוך: „ייִדישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע און די מעשים תעתועים פון דער יִיק״אַ־אַדמיניסטראַציע״. ער טרעט אַרויס אויף גרויסע מיטינגען אין פּאַריז און בערלין, זייענדיק אין אַרגענטינע ווערט כתריאל אַרעסטירט, ווייל די יִיק״אַ־אַדמיניסטראַציע מסרט אים אַלס אַנאַרכיסט; אַ געשמידטן אין קייטן פירט מען אים אַרויס פון לאַנד אָפּצושיקן אים אין דער צאַרישער רוסלאַנד.

אינגיכן זעט מען אים אין קאַנאַדע. אין מאָנטרעאַל גיט ער אַרויס די „פאָלקס־צייטונג״ — אַן אָרגאַן פון דער ייִדישער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

ער האַלט אין איין אַרומוואַנדערן פון לאַנד צו לאַנד, טראָגנדיק דאָס וואָרט פון פּועלי־ציוניזם.

אין 1911 ווערט כאַזאַנאָוויטש דערוויילט אין פאַרבאַנדס־ביוראָ — די העכסטע אָנפירנדיקע אינסטאַנץ פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג.

נאָך דער פערטער וועלט־קאָנפערענץ (קראָקע 1913) באַזעצט זיך כאַזאַנאָוויטש אין ווין און צוזאַמען מיט ב. באָראָכאָוו פירט ער דעם סעקרעטאַריאַט פון פאַרבאַנדס־ביוראָ.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה ווערט ער איינער פון די ערשטע אַגיטאַטאָרן פאַרן ייִדישן קאָנגרעס אין אַמעריקע. עס דערשיינט דאָס באַרימטע בוך „די ייִדן אין קריג״ און כאַזאַנאָוויטש האָט זיך אַ דאַנק דעם איינגעשריבן אינעם רויטן בוך פון ייִדישן פּראָלעטאַרישן קאַמף בשעת דער מלחמה.

כאַזאַנאָוויטש שרייבט אונטער, צוזאַמען מיט ב. באָראָכאָוו, י. זרבבל, בערל לאָקער און שלמה קאַפּלאַנסקי אַ דערקלערונג פון דער דעלעגאַציע פון פּועלי־ציון צום האָלענדיש־סקאַנדינאַווישן קאָמיטעט — אַ קאָמיטעט וואָס וויל צונויפרופן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון אַלע לענדער און אויפלעבן

דעם כאַציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. ער נעמט אָן אַקטיוון אָנטייל אין די סאָציאַליסטישע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצן אין בערן, אַמסטערדאַם, לוצערן, אינעם יאָר 1919.

די אויבנדערמאָנטע שורות זענען גענומען פון אַן אַרטיקל פון י. זרבבל אין „יידישן אַרבעטער פנקס", אַרויסגעגעבן אין 1928 אין וואַרשע, אונטער דער רעדאַקציע פונעם מחבר פון דעם אַרטיקל. ח' י. זרבבל ענדיקט זיין אַרבעט, וואָס פאַרנעמט 10 גרויסע זייטן, מיט די ווערטער: „די באַוועגונג פון יידישן פראָלעטאַריאַט וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן יענע אומגעהייערע אוצרות פון גייסט און ענערגיע וואָס לעאָן כאַזאַנאָוויטש האָט אַריינגעבראַכט אין די קעמפנדיקע מחנות פון יידישן אַרבעטער־קלאַס".

וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן! פרעגט דעם יינגן דור פון די פּראָלע־טאַרישע ציוניסטן, וואָס פאַר אַ פערזענלעכקייט איז כתריאל געווען, וואָס האָט ער בייגעשטייערט צו דער פועלי־ציון־באַוועגונג.

אַזאַ פאַרבנרייך לעבן און ווער געדענקט אים; וועלכע אינסטיטוציעס זענען געגרינדעט געוואָרן צו פאַראייביקן זיין נאָמען?!

אַ צווייטע פערזענלעכקייט, אויך באַשריבן אין דעם זעלבן פנקס. דער מחבר פון דער אַרבעט איז יצחק שיפּער.

ד"ר מאַקס ראָזענפעלד איז זיין נאָמען. אַלס יונגער סטודענט, אין אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט, שטייט ער כמעט ביים וויגעלע פון דער פועלי־ציון־באַוועגונג. ער לעבט אין גאַליציע. איז איינער פון די וואָס אַר־בעטן אויס אַ פּראָגראַם־פּראָיעקט פון די עסטרייכישע פועלי־ציון. אַ דאַנק אים ווערט באַשלאָסן אויפן דריטן פאַרטיי־טאָג, אַז די פאַרטיי קעמפט פאַר פולער גלייכבאַרעכטיקונג פון יידישן פאָלק אויפן סמך פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. מען דאַרף דעם גאַנצן ענין פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַרשן און י. שיפּער שרייבט:

„עס בלייבט דאָס גרויסע פאַרדינסט פון ראָזענפעלדן, אַז ער האָט זיך אַלס ערשטער אין אונדזערע רייען גענומען צו דער געוואַלדיקער אויספאָר־שונגס־אַרבעט".

דער „יידישער אַרבעטער" ברענגט אין דער צייט פון 1907—1911 אַ גרויסע צאָל פון זיינע ערנסטע אַרטיקלען וועגן פאַרשיידענע פראַגן.

ער איז אַ הויפּט־רעדנער אויף מאַסן־מיטינגען. ער איז אַ פאָלקס־טריבון.

אין 1918 דערשיינט זיין מאָנומענטאַלע ווערק „די פּוילישע ייִדנפראַגע". אויפן דאָזיקן ווערק האָט ער געאַרבעט 15 (פופצן) יאָר.

ער ווערט אויסגעקליבן אַלס דעפּוטאַט צום פּוילישן סיים. ער קלייבט זיך צו פאָרן קיין בערן, צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס... דער טויט מאַכט אַ סוף צו זיין יונגן, רייכן לעבן.

איז ווען ווערט דערמאָנט ד״ר מאַקס ראָזנפעלד? מיט וואָס איז פאַר־אייביקט געוואָרן זיין אָנדענק?

מיר האָבן ספּעציעל זיך אָפּגעשטעלט אויף זייער לעבן און שאַפן, כדי צו באַווייזן זייער גרויסע ראָל אינעם פּועלי־ציוניזם. מיר וואָלטן אַזוי גע־קענט שרייבן און שרייבן וועגן פיל פון די וואָס זענען שוין מיט אונדז נישטאָ און פרעגן: געדענקען מיר זיי אַלע? היטן מיר אָפּ זייער יאָרצייט?

האָט ווער פון די לעבנגעבליבענע פּועלי־ציון־פירער פאַרנומען דאָס אָרט פון בער באָראָכאָוו? — קיינער נישט.

מיר האָבן אַ סך, וועלכע האָבן אויסגעטייטשט באָראָכאָוון; אין דער ערשטער ריי ח' י. זרבבל, אָבער אַלע פאַררעכענען זיך אַלס זיינע תּלמידים. מיר קענען זיך פאָרשטעלן וואָס וואָלט באָראָכאָוו געשאַפן און וויפל ער וואָלט צוגעטראָגן צום געדאַנק און טאַט פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, ווען ער וואָלט אויסגעלעבט זיינע יאָרן און נישט געשטאָרבן אין זיין פריִער יוגנט.

די אומפאַרגעסענע

פאַרוואָס האָט זיך ב. באָראָכאָוו אויסגעטיילט פון די אַלע וואָס האָבן געלעבט אין זיין צייט און אויך נאָך אים? פאַרוואָס איז ער געקרוינט געוואָרן אַלס דער גאון פון פּאָלטאַווע? פאַרוואָס איז ער פאַראייביקט געוואָרן? — ווייל ער איז געווען אויף אַ סך געביטן פון דער ייִדישער וויסנשאַפט דער ערשטער; ווייל ער האָט געשאַפן גרונט־געדאַנקען פון ייִדיש־נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען אינעם ברייטן זין פון וואָרט, וואָס קיינער פאַר אים האָט עס נישט באַוויזן צו טון.

וועגן דעם וועלן מיר רעדן ווייטער, סיי אין דעם קאַפּיטל, סיי אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

לאָמיר אויסרעכענען אַ קליין צעטל פון גאָר אַ סך, וואָס זענען פאַר־אייביקט געוואָרן אין דער ייִדישער געשיכטע.

מיר האָבן געהאַט אַ סך ייִדישע קעניגן אין דער צייט ווען ייִדן האָבן געלעבט מיט דריי טויזנט יאָר צוריק אויף זייער אייגן לאַנד. פאַרוואָס זענען פאַרבליבן אין פאָלקס־זכרון נאָר די נעמען פון שאול, דוד און שלמה?

— ווייל יעדער איינער פון זיי האָט געטון אַזעלכעס, אָדער געווען אַזעלכער וואָס קיין אַנדערער האָט עס נישט געטון, אָדער נישט געווען.

ייִדן האָבן געהאַט פיל נביאים — אין די הונדערטער זענען זיי געווען. ווער איז געבליבן פאַרשריבן אין תנ״ך? פון די וואָס האָבן געלאָזט נאָך זיך רעדעס (נביאים אחרונים) — 15: ישעיה, ירמיה, יחזקאל און די תרי־עשר. אין פאָלקס־זכרון זענען פון די נביאים אחרונים פאַרבליבן נאָר די ערשטע דריי און יעדער איינער צוליב זיינע באַזונדערע פאַרדינסטן.

פון די נביאים ראשונים איז דער פאָפּולערסטער אליהו הנביא, וועמען עס ווערט צוגעשריבן, אַז ער וועט קומען אָנצוזאָגן וועגן ביאת המשיח.

פון דער חסידישער באַוועגונג אין דער נייער צייט זענען פאַרבליבן אין זכרון דער בעש״ט, דער בעל־התניא, רבי לוי יצחק באַרדיטשעווער און יעדער איינער פאַר זיינע באַזונדערע פאַרדינסטן, וואָס קיין אַנדער חסידי־שער פירער האָט עס נישט געטון.

וויפל ציוניסטישע פרעזידענטן, וואָס זענען מיט אונדז שוין מער נישטאָ, ווייסט און געדענקט דער ברייטער ייִדישער עולם? — ד״ר הערצל און ד״ר חיים ווייצמאַן. ד״ר הערצל — דער ערשטער פרעזידענט און גרינדער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און ד״ר חיים ווייצמאַן צוליב דער באַלפור־דעקלאַראַציע און ערשטער פרעזידענט פון דער ייִדישער מלוכה.

מאַכן מיר אַן אויספיר:

נאָר אַזעלכע, וועלכע זענען געווען די ערשטע פון אַריינברענגען נייע אידייען, גרונטלייגער פון נייע פאָרמען אין דער ליטעראַטור, קונסט אד״גל, וויכטיקע אויסטייטשער פון שווערע געדאַנקען, אַנטדעקער און דערפינדער,

אויסגעדרעהטע, פאַרוויסטע געלדן, וואָס קיין צוויטע זענען אין זייער דור נישט געווען, פאַרבליבן אין זכרון פון פאָלק.

וואָס זשע האָט אַזעלכעס אויפגעטון בער באָראָכאָוו, וואָס איז געדענקען מיר אַזויפיל. וואָס אויף זיין נאָמען זענען אויפגעבויט אַזויפיל אינסטיטוציעס, וואָס אים ציטירן מיר אַזוי אָפט?

וועגן דעם וועלן מיר איצט באריכות רעדן.

פּראָדוקציע־באַציונגען און פּראָדוקציע־באַדינגונגען

ב. באָראָכאָוו האָט דער ערשטער פעסטגעשטעלט, אַז די לאַגע פון יידישן אַרבעטער־קלאַס איז אָפּהענגיק נישט נאָר פון די פּראָדוקציע־באַציונגען, נאָר אויך און אפשר דער עיקר פון די פּראָדוקציע־באַדינגונגען.

די אַלגעמיינע סאָציאַליסטיש־מאַרקסיסטישע באַוועגונג אין איר קאַמף פאַר די אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס האָט אונטערגעשטראָכן נאָר די פּראָדוקציע־באַציונגען. זי האָט געהאַט צו טאָן מיט אַרבעטער פון נאָרמאַלע פעלקער, ביי וועמען דאָס פּראָבלעם פון פּראָדוקציע־באַדינגונגען האָט לחלוטין נישט עקזיסטירט.

נאָרמאַלע פעלקער וווינען אויף זייערע אייגענע טעריטאָריעס און ב. באָראָכאָוו אין זיינע „די קלאַסן־אינטערעסן און די נאַציאָנאַלע פראַגע" שטעלט פעסט: „דאָס וויכטיקסטע פון די מאַטעריעלע פּראָדוקציע־באַדינגונגען איז די טעריטאָריע". דער יידישער אַרבעטער־קלאַס וווינט נישט אויף זיין אייגענער טעריטאָריע (געשריבן אין 1906) ער איז צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט.

באָראָכאָוו שרייבט:

„כדי צו לעבן מוזן די מענטשן פּראָדוצירן. כדי צו פּראָדוצירן אַרבעטן זיך אויס ביי זיי געוויסע פּראָדוקציע־באַציונגען. נאָר די פּראָדוקציע אַליין קומט דאָך פאָר ביי געוויסע באַדינגונגען, וועלכע זענען פאַרשיידן אין פאַרשיידענע ערטער".

דערפאַר איז באָראָכאָוו אַזוי שטאַרק און שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן

דעם „בונד", וועלכער האָט געטענהט, אַז די אויפגאַבע פון ייִדישן אַרבעטער־קלאַס איז צו קעמפן קעגן דער צאַרישער רעגירונג, און ביי אַ דעמאָקראַטי־שער געזעלשאַפט וועט אויך פאַרענטפערט ווערן די ייִדן־פראַגע.

דער „בונד" האָט לחלוטין נישט גענומען אין אַנבאַטראַכט די פּראָדוק־ציע־באַדינגונגען פון ייִדישן פאָלק. ער האָט געטענהט, אַז דאָס איינציקע מיט וואָס ייִדישע אַרבעטער טיילן זיך אויס פון די רוסלענדישע אַרבעטער איז זייער שפּראַך און קולטור. איז דעריבער נייטיק קעמפן פאַר קולטורעלער אויטאָנאָמיע.

באָראָכאָוו האָט אָנגעוויזן, אַז דאָס איז אַנטימאַרקסיסטיש, דער קולטור־מצב פון אַ פאָלק איז אָפּהענגיק פון די מאַטעריעלע באַדינגונגען אין וועלכע ער געפינט זיך. דאָס אָפּשאַפן פון די צאַרישע געזעצן וועט פאַרלייכטערן די קולטור־אַרבעט פון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט אָבער נישט געבן אים קיין ברייטע מעגלעכקייט פון טעטיקייט.

דער דערפאָלג פון קלאַסן־קאַמף, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט פירט, איז אָפּהענגיק פון די פּראָדוקציע־באַדינגונגען אין וועלכע ער לעבט; „דער קלאַסן־קאַמף פירט זיך איבער דעם מאַטעריעלן באַזיץ פון די קלאַסן. דאָס איז דער באַזיץ פון די פּראָדוקציע־מיטלען; דער נאַציאָנאַלער קאַמף פירט זיך אויך צוליב דעם מאַטעריעלן באַזיץ פון די געזעלשאַפטלעכע מיטלען אַלס גאַנצע. דער קנין פון אַ געזעלשאַפט — דאָס איז דער באַזיץ פון די פּראָדוקציע־באַדינגונגען".

רעדנדיק וועגן פאָלק און נאַציע זאָגט ווייטער ב. באָראָכאָוו: „אַ געזעל־שאַפט וואָס איז אויסגעוואַקסן אין איין און די זעלבע פּראָדוקציע־באַדינגונ־גען רופט זיך געוויינלעך פאָלק, און די זעלבע געזעלשאַפט וואָס איז אויסער דעם פאַרייניקט דורך דעם באַוווסטזיין פון דער פאַרוואַנדשאַפט צווישן אירע יחידים (מיטגלידער) וואָס קומען אַרויס פון דער אַלגעמיינער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט רופט זיך נאַציע" (אונטערגעשטראָכן פון ב. באָראָכאָוו).

באָראָכאָוו איז דעריבער געווען דער באַגרינדער פון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער פראַגע און האָט געגעבן אַ וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז פון דער ייִדישער ווירקלעכקייט.

אַרויסגייענדיק פון דער הנחה פון די אומנאָרמאַלע פּראָדוקציע־באַדינ־גונגען פון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט קומט ב. באָראָכאָוו צום אויספיר פון

טעריטאָריעלער קאָנצענטראַציע פון יידן אין ארץ־ישראל. די דאָזיקע טערי־טאָריע וועט זיין די סטראַטעגישע באַזע פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. דאָרטן, אויף דער טעריטאָריע וועט דער יידישער אַרבעטער־קלאַס קענען פירן זיין נאָרמאַלע פּאָליטישע, סאָציאַלע און קולטורעלע טעטיקייטן.

וועלכע ראָל קען דער יידישער פּראָלעטאַריאַט שפּילן אין די תפוצות אין דעם פּאָליטישן קאַמף, ווען ער איז אומעטום אַ מיעוט? — ער קען נאָר זיין באַהילפיק דעם לאַנד־פּראָלעטאַריאַט אין זיין קאַמף פאַר פּאָליטישער מאַכט; קיין זעלבסטשטענדיקע פּאָליטישע טעטיקייט קענען די יידישע מאַסן נישט פירן.

דאָס זעלבע וועגן זיין סאָציאַל־עקאָנאָמישן קאַמף. דער יידישער אַרבעטער, שרייבט ב. באָראָכאָוו, איז באַשעפטיקט אין דער אינדוסטריע פון פערזענלעכן געברויך — איבערהויפּט אין דער נאָדל־אינדוסטריע. איז ווי זשע קען אויסזען זיין קאַמף אין פאַרגלייך מיט די אַרבעטער פון דער גרויס־אינדוסטריע (מעטאַל, שטאָל, בוי, אייזנבאַן, קוילן אד״גל).

אויך זיין טעטיקייט אויפן קולטורעלן געביט איז געהאַמעוועט, ווייל ער איז אומעטום אַ מינדערהייט, איז אונטערגעוואָרפן די געפאַרן פון אַסי־מילאַציע, אין בעסטן פאַל מוז ער לעבן אין צוויי קולטורן.

„דאָ" און „דאָרטן"

באָראָכאָוו קומט נישט צום אויספיר פון שלילת הגלות. ער טרעט שאַרף אַרויס קעגן די ס״ס, וועלכע האָבן אַ נעגאַטיווע באַציִונג צום לעבן פון די יידן אין די גלות לענדער.

באָראָכאָוו טרעט אַרויס קעגן דעם געדאַנק פון די ס״ס, אַז דער יידישער אַרבעטער קען זיך נישט פּראָלעטאַריזירן. ער זאָגט נאָר, אַז דער יידישער אַרבעטער קען זיך נישט אינדוסטריאַליזירן און מוז אַרבעטן אין ווערק־שטאַטן פון אָפּגעשטאַנענער ווירטשאַפט.

באָראָכאָוו האַלט דעריבער פונעם קאַמף „דאָ" און „דאָרטן".

אין זיין אַרטיקל: „צוויי ריכטונגען אין פּועלי־ציוניזם" זאָגט ער וועגן דעם בזה הלשון: „די יידן־פּראָגע קען געלייזט ווערן נאָר דורך דער פּאַר־

בינדונג פון געזונטן גלות־לעבן מיט אַ געזונטן צענטער אין דעם אייגענעם לאַנד. דער ציוניזם פאַרענטפערט נאָר טיילווייז די יידישע פראַגע. דער איבע־ריקער טייל ווערט פאַרענטפערט דורך דער נאַציאָנאַלער באַפעסטיקונג אין גלות גופא. אָן ציוניזם איז נישטאָ קיין געזונטע נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג, אָבער אָן דעם גלות אויך נישט. מיר ווילן אַ פעסטן ציון און אַ פעסטן גלות — דאָס איז דער פאַראַל פונעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פועלי־ציוניזם".

פיל וואַסערן זענען שוין אַוועקגעשווומען זינט יענע טעג ווען ב. באָ־ראָכאָוו האָט געשריבן די דאָזיקע שורות. דער וויכוח גייט נאָך טאָקע אָן. אָבער די וואָגשאָל ווייזט, אַז דאָס צינגל איז מער אויף דער זייט פון „דאָ" און „דאָרטן" און נישט אויף „דאָ" אַליין אָדער „דאָרטן" אַליין. אַ בעסטן באַ־ווייז האָבן מיר געזען אויף דעם אידעאָלאָגישן כינוס אָפּגעהאַלטן זומער 1957 אין ירושלים.

ד"ר ראובן גארדיס האָט געזאָגט דאָרטן צווישן אַנדערש אַזוי: „די אַלע וויכוחים וועגן שלילת הגולה, האָבן נישט באַוויזן צו איבערצייגן נישט די וואָס פאַרניינען און נישט די וואָס באַיאָען דעם גלות. און לאָמיר דאָ זיין דערלויבט פעסטצושטעלן מיט דער גרעסטער שטאַרקייט דעם פאַקט, אַז דער קוק פון די גלות־פאַרניינער ווערט נישט אָנגענומען אַפילו פון אַ מינימום פון די יידישע צענטערן אין דער פרייער וועלט, דער עיקר אין אַמעריקע... די יידן אין אַמעריקע ווייסן זייער גוט, אַז די אַסימילאַציע לייערט אויף זיי און קאָסט אָפּ נישט ווינציק קרבנות, פונדעסטוועגן האָבן זיי גאָרנישט קיין מורא, אַז דער דאָזיקער פּראָצעס וועט זיין אַ פולשטענדיקער דערפאָלג. אין קעגנזאָץ צו אַנדערע עטנישע מינדערהייטן, וואָס האָבן זיך אינגאַנצן באַ־האָפטן מיט דער אַנגלאָזאַקסישער מערהייט און זענען פאַרשוווּנדן אין דעם אַמעריקאַנער שמעלצטאָפּ, זעען די אַמעריקאַנער יידן פאַר זיך גרויסע מעג־לעכקייטן פאַר אַ באַשטענדיקן קיום ווי אַ באַזונדערער און פאַרבנרייכער קיבוץ" (ציטירט לויט דער איבערזעצונג פון ד"ר ש. מאַרגאָשעס פון „הדואר" ד' אלול תשי"ז), פראָפ' מרדכי קאַפּלאַן, לויט די באַריכטן וואָס זענען אָנגעקו־מען פון ירושלים, האָט דאָרטן געזאָגט, אַז דער גלות איז אַ היסטאָרישער מוז אינעם יידישן לעבן, אַז ישראל און תפוצה דערגענצן איינע די צווייטע. וואָס מער די תפוצה וועט זיין שאַפנדיק, אַלץ מער וועט פון דעם געניסן

ישראל, און אַז ישראל מוז באַווירקן דעם גלות. דער ציוניזם מוז דעריבער זיך אָריענטירן אויפן „דאָ" און „דאָרטן".

עס זענען אויפן כינוס אין ירושלים געווען אויך שולל־גלותניקעס. איינער פון זיי איז געווען ד"ר רפאל מאהלער, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז דער גלות איז פאַראורטיילט צום אונטערגיין, אַז דאָס יידיש פאָלק מוז אויס־קלייבן צווישן אַסימילאַציע און גלות אָדער אַ נאָרמאַל, געזונט, נאַציאָנאַל לעבן אין ישראל. קיין צוויי וועגן זענען נישטאָ.

סטיכישער פּראָצעס

די קעגנער פון באָראָכאָוון האָבן אויסגענוצט זיינע ערשטע פעסטשטע־לונגען וועגן דער ראָל פון סטיכישן פּראָצעס אין דער רעאַליזירונג פון טעריטאָריאַליזם. עס איז אמת, אַז אין זיין בראָשור „וואָס ווילן די פּועלי־ציון", האָט ער געשריבן: „פּונקט אַזוי ווי דער סאָציאַליזם וועט פאַרווירק־לעכט אין אַ סטיכישן פּראָצעס פון קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע, נישט אָפּהענגיק פון וועלכער עס איז באַוווסטזיניקער ראָל, אַזוי פאַנגען אויך אָן די יידישע וואַנדער־מאַסן סטיכיש זיך קאָנצענטרירן אויף אַ באַשטימטער טעריטאָריע, נישט אָפּהענגיק פון וועמענס עס איז רצון".

אין די אויסצוגן פון דעם פּראָגראַם־פּראָיעקט פון דער יידישער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער פּאַרטיי פּועלי־ציון, וואָס באָראָכאָוו איז געווען זיין מחבר, ווערט געזאָגט וועגן זעלבן ענין:

„דער פּראָצעס פון דער יידישער עמיגראַציע קיין פּאַלעסטינע איז אַ סטיכישער פּראָצעס. ער באַקומט זיך דערפון, וואָס אין די פּריערדיקע גרויס־קאַפּיטאַליסטישע לענדער פון דער יידישער עמיגראַציע איז פאַר די יידן אַלץ שווערער אַריבערצוגיין צו די העכסטע פּראָדוקציע פאָרמען. די באַדער־פעניש צו עמיגרירן ווערט ביי יידן נישט שוואַכער; פאַרקערט, צוליב דעם, וואָס זיי ווערן עקאָנאָמיש אַרויסגעשטויסן מחמת דער נאַציאָנאַלער קאָנקו־רענץ, ווערט זי אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. דערפאַר זענען די יידן אַלץ מער געצוווּנגען צו לאָזן זיך קיין פּאַלעסטינע, ווי דעם איינציקן האַלב־לאַנדווירטשאַפטלעכן לאַנד, וווּהין עס קען עמיגרירן די יידישע קליין־קאַפּי־

טאַליסטישע בורזשואַזיע״. (וועגן ענין פון ישראל אַלס איינציק האַלב-לאַנד־ווירטשאַפטלעך לאַנד, וואָס נאָר זי אַליין איז אַ דאַנק דעם צוגעפּאַסט אַלס טעריטאָריע פאַר ייִדן, וועלן מיר רעדן אַ ביסל שפּעטער).

אָבער אין דער זעלבער בראָשור, ״וואָס ווילן די פּועלי־ציון״ זאָגט באָראָכאָוו: ״פּונקט אַזוי ווי אין דעם סטיכישן פּראָצעס פון דער פאַרווירקלעכונג פונעם סאָציאַליזם מישט זיך אַריין דער רעגולירנדיקער רצון פון די באַוווּסטזיניקע אַרבעטער־מאַסן... אַזוי מישט זיך אַריין אויך אינעם סטיכישן פּראָצעס פון דער רעאַליזירונג פונעם טעריטאָריאַליזם דער רצון פון די באַוווּסטזיניקע מאַסן פון דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט״.

איז קלאָר פון דעם, אַז דער ייִדישער אַרבעטער־קלאַס דאַרף נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און זיך פאַרלאָזן אויף דעם סטיכישן פּראָצעס, נאָר מוז אָנווענדן זיין רצון, מוז זיין אַקטיוו אין דעם דאָזיקן פּראָצעס.

שאַפנדיקע און באַפרייענדיקע מאָמענטן

קאָרעגירט האָט אויך באָראָכאָוו זיין איינשטעלונג בנוגע די שאַפנדיקע און באַפרייענדיקע מאָמענטן אין דער רעאַליזירונג פונעם ציוניזם.

אין ״אונדזער פּלאַטפאָרם״ שרייבט ער: ״אין יעדן סטיכישן פּראָצעס פון דעם מין דאַרף מען אונטערשיידן, כאָטש עס איז אוממעגלעך אין דער ווירקלעכקייט זיי אָפּצוטיילן, צווייערליי מאָמענטן: שאַפנדיקע און באַפרייענדיקע״. (אונטערגעשטראָכן פון ב. באָראָכאָוו).

״די בורזשואַזיע רעגולירט די שאַפנדיקע מאָמענטן פון די סטיכישע פּראָצעסן; דער פּראָלעטאַריאַט רעגולירט די באַפרייענדיקע מאָמענטן פון די סטיכישע פּראָצעסן. די קאַפּיטאַליזירונג פון דער געזעלשאַפט ווערט געלייטעט פון דער בורזשואַזיע; פאַר איר דעמאָקראַטיזירונג קעמפט דער פּראָלעטאַריאַט״.

פאַר זיין פריצייטיקן טויט אין 1917 שרייבט ב. באָראָכאָוו אין זיין אַרטיקל ״ארץ־ישראל די פּראָגנאָזע און אונדזער טאַקטיק״ כהאי לישנא: ״מיר האָבן געזאָגט, אַז דער ציוניזם איז אַ סטיכישער פּראָצעס און אַז אונדז בלייבט איבער נאָר די אויפגאַבע פון באַזייטיקן די שטרויכלונגען פון וועג,

און אַזוי האָבן מיר איבערגעלאָזט פאַרן בירגערטום די גאַנצע שאַפנדיקע אַרבעט. עס זענען אָבער פאַראַן סטיכיש־מעכאַנישע פּראָצעסן, און סטיכיש־אָרגאַנישע פּראָצעסן. אויב מיר האָבן אַמאָל געזאָגט, אַז די סטיכישע עמיגראַציע האָט זיך שוין אָנגעהויבן, איז עס געווען נישט ריכטיק, ווייל עס האָט זיך אָנגעהויבן נאָר די אָרגאַנישע טעטיקייט. פון דעם שטאַנדפּונקט זענען די ציוניסטן מער גערעכט ווי מיר".

מיט אַנדערע ווערטער מיינט עס, אַז דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף זיך פאַרנעמען מיט קאָנסטרוקטיווער חלוצישער אַרבעט.

אין זיין אַרטיקל „ארץ־ישראל אין אונדזער פּראָגראַם און טאַקטיק" שרייבט טאַקע באָראָכאָוו: „איך אונטערשטרייך נאָכאַמאָל: מיר מוזן זעלבסט־שטענדיק אָנהייבן אַרבעטן אין ארץ־ישראל. נישט אַזוי ווי ביז איצט: די בירגערלעכע ציוניסטן וועלן אַרבעטן און מיר באַנוגענען זיך בלויז מיט קאָנטראָלירן". (זייט 274, ב. באָראָכאָוו, געקליבענע שריפטן I).

ציון און טעריטאָריע

פאַרוואָס איז ארץ־ישראל די טעריטאָריע וווּ עס וועט פאַרווירקלעכט ווערן די טעריטאָריעלע קאָנצענטראַציע פון יידישן פאָלק, וועגן דעם זאָגט באָראָכאָוו אין „אונדזער פּלאַטפאָרם".

„אין דער יידישער עמיגראַציע וואַקסט אַ נייַע טענדענץ — זיך צו ריכטן נאָר אין אַזאַ לאַנד, וווּ די יידישע קליינע קאַפּיטאַלן און די יידישע אַרבעט זאָלן קענען אָנגעווענדעט ווערן אין אַזעלכע פּראָדוקציע פאָרמען, וועלכע זענען אַן איבערגאַנגס־פאָרם פון שטאָטישער ווירטשאַפט צו לאַנד־ווירטשאַפט און פון דער פּראָדוקציע פון געברויך־מיטלען צו דער פּראָדוקציע פון פּראָדוקציאָנס מיטלען. צום ערשטן מין באַלאַנגט סעדעריי, גערטנעריי, ווייַנטרויבן־קולטור, מילך־ווירטשאַפט; צום צווייטן מין באַלאַנגט די פּראָדוקציע פון מאַטעריאַלן און האַלב־פאַבריקאַטן. די ווירטשאַפט פון יענעם לאַנד, וווהין די יידן וועלן אימיגרירן איז נישט קיין גרויס־קאַפּיטאַליסטישע און נישט קיין ברייט־לאַנדווירטשאַפטלעכע, נאָר אַ האַלב־לאַנדווירטשאַפטלעכע, אַן איבערגאַנג־ווירטשאַפט".

„אונדזער פּאַלעסטיניזם איז נישט קיין פּרינציפּיעלער, ווייל ער איז לחלוטין נישט פאַרבונדן מיט אַלטע טראַדיציעס“.

זיכער איז, אַז ווען ב. באָראָכאָוו וואָלט היינט באַגרינדעט פאַרוואָס קען נאָר ארץ־ישראל ווערן דאָס יידישע היימלאַנד, וואָלט ער נישט דאַרפן אָנקומען צו אַזעלכע באַגרינדונגען. ער וואָלט געוווסט, אַז אין אַרגענטינע, קאַנאַדע און די שטאַטן זענען געווען (און זענען טיילוויז אויך נאָך היינט פאַראַן) טויזנטער יידישע פאַרמערס, און די אויבנדערמאָנטע לענדער זענען שוין גאָר גרויס־לאַנדווירטשאַפטלעכע. ס׳איז קלאָר, אַז די קאָלאָניזאַציע פון יידישע פאַרמערס האָט זיך נישט איינגעגעבן דאָרטן, ווייל די אויבנדערמאָנטע לענדער ליגן נישט אויף דער ליניע פון יידישער מחשבה, ווייל די לענדער זענען נישט פאַרבונדן מיט אַלטע יידישע טראַדיציעס. וואָלט די יק״א אינוועסטירט דאָס געלט אין ארץ־ישראל, וואָס זי האָט אַריינגעבראָכט אין אַרגענטינע אַליין, וואָלט דער יידישער ישוב אין ישראל איצט געווען פיל, פיל גרעסער.

האָט דען באָראָכאָוו נישט געוווסט, אַז ארץ־ישראל קען זיין דאָס איינציקע יידישע לאַנד צוליב איר היסטאָרישן ווערט? מען מוז זיך משער זיין, אַז ער האָט עס גראָד יאָ געוווסט. ער איז דאָך געווען אַ זון פון אַ העברעישן לערער. אין פּאָלטאַווע, ווו באָראָכאָוו איז אויסגעוואקסן, האָט דאַן געלעבט דער אָנגעזעענער העברעישער שריפטשטעלער אַלעקסאַנדער זיסקינד, וועלכער איז געשטאַנען בראש פון דער חובבי־ציון־באַוועגונג און באָראַכאָווס פאָטער איז געווען אַ הייסער חובבי־ציון.

אין אַזאַ סביבה האָט זיכער באָראָכאָוו איינגעזאַפּט אין זיך אַ פּאָזיטיווע באַציונג צו אַלע יידישע ווערטן און אַ קענטעניש פון דער יידישער געשיכטע; ער האָט געוווסט, אַז זינט חורבן בית שני האָבן יידן געלעבט מיט דער משיחשער באַוועגונג, וואָס איז געווען פאַרבונדן נאָר מיט ארץ־ישראל. ער האָט זיכער געוווסט וועגן „ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים“, וועגן „לשנה הבאה בירושלים“ און ענלעכע אַזעלכע פּסוקים, אלא וואָס דען?

באָראָכאָוו, דאַרף מען זיך משער זיין, האָט מיט אַ כיוון אָנגעגעבן די אויבנדערמאָנטע סיבות, פאַרוואָס נאָר פּאַלעסטינע, ווייל די יידישע אַרבעטער־גאַס איז דאַן געווען פאַרכאַפּט פון „בונד“ און ס״ס, וועלכע האָבן ביטער באַקעמפט די ערשט אויפגעקומענע פּועלי־ציון־באַוועגונג, געשריגן אויף די

העכסטע טענער און געפּויקט אין אַלע פּויקן: די פּועלי־ציון ווילן שלעפּן די יידישע אַרבעטער צו דער מוטער רחלס קבר. „בונד" האָט דאַן דעקלאַ־מירט, אַז משיח און ציון זענען שוין לאַנג אָפּגעשטאָרבן.

די אידייע פון אוגאַנדע איז געווען פריש. האָט באָראָכאָוו געמוזט אָנ־קומען צו אַזעלכע אַרגומענטן, וועלכע זאָלן באַווייזן, אַז היסטאָריש־מאַטער־יאַליסטיש איז ארץ־ישראל די איינציקע טעריטאָריע, וואָס איז לויט איר ווירטשאַפטלעכן מהות צוגעפּאַסט פאַר יידן.

אין יענער סאַניניסטער עפּאָכע וואָלטן אַרגומענטן פון היסטאָרישן, טראַ־דיציאָנעלן, יידיש־מחשבותדיקן אינהאַלט זיך געקלעפּט צו יידישע אַרבעטער ווי אַרבעס צו אַ וואַנט. פּועלי־ציון האָט געמוזט זיך אַריינרייסן אין דער יידישער אַרבעטער־גאַס. איז באָראָכאָווס באַגרינדונג וועגן „ציון און טערי־טאָריע" דיאַלעקטיש פאַר אונדז פאַרשטענדלעך.

אַז אונדזער השערה איז ריכטיק, באַווייזט אונדז פאָלגנדיקער אָפּזאַץ פון באָראָכאָווס אַן אַרטיקל „ארץ־ישראל אין אונדזער פּראָגראַם און טאַק־טיק" געדרוקט האַרט פאַר זיין טויט: „פון דעמאָלט אָן (פון 1905 מ. מ.) האָט זיך אָבער אַ סך געענדערט. דער חילוק צווישן אונדז און די אַנדערע פאַר־טייען איז געגנוג קלאָר און בולט געוואָרן. קיינער וועט אין אונדז מער קיין טעות נישט האָבן. איצט איז אַלזאָ געקומען די באַדערפעניש צו רעדן אין אַ נייער, רייכערער טערמינאָלאָגיע. מיר מעגן און מיר דאַרפן איצט אויך געברויכן די געפילס־שפּראַך, איצט קענען מיר און דאַרפן זאָגן: ארץ־ישראל, אַ יידישע היים".

באָראָכאָוו — דער אָנערקענטער לערער פון גאַנצן יידישן פּראָלעטאַריאַט

באָראָכאָוו איז 40 יאָר נאָך זיין טויט דער אָנערקענטער לערער פון גאַנצן סאָציאַליסטיש־באַוווסטזיניקן פּראָלעטאַריאַט אין ישראל און אין די תפוצות (אַן אויסנאַם זענען נאָר די רעשטלעך בונדיסטן). אויב מיט אַ 3־4 יאָר צוריק זענען נאָך די השומר הצעירניקעס נישט געווען קיין באָראָכאָ־וויסטן, האָבן זיי זיך אין די לעצטע פאַר יאָר אַזוי דערקלערט אין ליבע צו באָראָכאָוון, אַז זיי קענען אַזש פון גרויס ליבע דערשטיקן דעם באָראָכאָוויזם.

שטעלט איך פאָר, זיי זאָגן, אַז באָראָכאָוו איז אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע אַזש אַזוי גרויס ווי סטאַלין „אויב נישט נאָך העכער". אַזוי דער־קלערט מאיר יערי, דער פירער פון די השומר הצעיר אין ארץ־ישראל אין זיין ביכל „קיבוץ גלויות באספקלריה של ימינו", אַרויסגעגעבן אין יאָר 1954.

דאָס ביכל פון מאיר יערי פאַרלאַנגט אַ ספּעציעלע אָפּהאַנדלונג. מיר וועלן זיך נאָר באַנוגענען צו אונטערשטרייכן, אַז דאָס ביכל, וואָס פאַרנעמט 192 זייטן און איז אַ פּאָלעמישע, גיט אָפּ 2 קאַפּיטלעך אויף ספּעציעלער פאַר־טיידיקונג פון באָראָכאָוו אונטער די קעפּלעך: בורוכוב כאבי הציונות המרכסיסטית, כוחו וחולשתו" (באָראָכאָוו דער פאָטער פון ציוניזם, זיין כוח און שוואַכקייט); „על תורת הלאומיות של בורוכוב ועל מערעריה" (וועגן דער נאַציאָנאַלער לערע פון באָראָכאָוון און אירע קעגנער) און קומט צום אויספיר:

„די נאַציאָנאַלע לערע פון באָראָכאָוון וועט מוזן אָנגענומען ווערן פריִער אָדער שפּעטער פון דער רעוואָלוציאָנערער וועלט צוגלייך מיט דער נאַציאָ־נאַלער לערע פון סטאַלינען און ווי אַ ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער וועלט־אנשויאונג אין תחום פון דער נאַציאָנאַ־לער פראַגע".

ווען באָראָכאָוו וואָלט אויפגעשטאַנען פון קבר און געזען וואָס עס ווערט געטון צו די יידן אין סטאַלין־לאַנד, וואָלט ער אויסגעשריגן: מוחל, מוחל פאַרן פאַרגלייך.



באָראָכאָװ אין יאָר 1903

III

באָראָכאָוו דער פּילאָט

ב. באָראָכאָוו האָט געהערט צו די פּאַרטיי־טוער, וואָס זענען אין דער מיינונג, אַז פּועלי ציון, ווי יעדע ייִדיש־פּאָליטישע באַוועגונג וועט געדייען און אַנטוויקלען זיך, אויב דער ייִדישער אַרום וועט האָבן אַ ברייטן אינ־טערעס צו אַלע ייִדיש־נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען: קולטורעלע, פּאָליטישע און סאָציאַלע; אויב דער ייִדישער אַרום איז גרייט אויפצונעמען די אידייען פון דער נאַציאָנאַלע און סאָציאַלער באַפרייאונג פון ייִדישן פאָלק. אַנדערש וועט די פּאַרטיי בלייבן אַ סעקטע אינעם ייִדישן לעבן, אָן קיין שום השפּעה אויף די ברייטע מאַסן: דער אַרום וועט נישט זיין פעיק איינצונעמען די אידייען פון דער פּאַרטיי.

טאָר זיך דעריבער, קיין שום ערנסטער פּאַרטיי־מענטש, מיט אַ ברייטן קוק אויף דער ייִדישערווירקלעכקייט, נישט אָפּגרענעצן פון דעם אַרום, איינשליסנדיק זיך אין דער ענגער פּאַרטיי־אַרבעט. זיין טעטיקייט־פּראָגראַם און אינטערעס מוז זיך אויסברייטערן אויף אַלע געביטן פון ייִדיש־נאַציאָ־נאַלן און סאָציאַלן לעבן: פּאָליטישע, קולטורעלע, שול, פּראָפעסיאָנעלע טעטיקייט אד״גל.

די אַרויסגעגעבענע ווערק פון ב. באָראָכאָוו באַווייזן ווי ברייט און פאַרצווייגט זיין שאַפונגס־אינטערעס איז געווען. נאָך מער קען מען עס זען פון זיינע בריוו, וואָס דער לייענער וועט עס געפינען אין דעם קאַפּיטל „באָראָכאָוו דער מענטש און געזעלשאַפטלעכער טוער״.

אינעם קורצן פּעריאָד, 12־13 יאָר פון וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט, האָט ער אַרויסגעגעבן אַזעלכע אַרבעטן — גרעסערע און קלענערע ווי: „אונדזער פּלאַטפאָרם״; „נאַציאָנאַלע פראַגע און קלאַסנקאַמף״; „די עקאָנאָ־

מישע אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק״; „די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין ציפערן״; „וואָס ווילן די פּועלי ציון״; „צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין בעלגיע״; „די יידישע עמיגראַציע פּאָליטיק״; „זאמבארט מכּוח יידן״; „די אַנטיציוניסטישע קאָנצענטראַציע״ א״אַ — אַרבעטן וואָס האָבן דירעקט צו טון מיטן פּועלי ציוניזם, וועמענס טעאָרעטיקער ער איז געווען.

ער האָט אָבער נאָך זיך אויך איבערגעלאָזט זייער וואָגיקע אַרבעטן ווי: „ווירטואַליזם און דאָס רעליגיעז־עטישע פּראָבלעם אינעם מאַרקסיזם״; „צו דער געזעלשאַפטלעכער פּסיכאָלאָגיע פון רעליגיעזן באַוווסטזיין״; „וועגן כאַראַקטער פון יידישן שכל״; „די אויפגאַבע פון דער יידישער פילאָלאָגיע״; „די ביבליאָטעק פון יידישן פילאָלאָג״; „נח פרילוצקיס זאַמלביכער פאַרן יידישן פאָלקלאָר״; „אַ גרוס פאַר 300 יאָר — וועגן די יידישע פּריוואַט־בריוו פון יאָר 1619״; „די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור״; ביבליאָגראַפיעס וועגן י. ל. פּרץ און שלום עליכם; „פּלאַן פאַר אַ יידישער גראַמאַטיק״ אד״גל.

האָבן דען די לעצט־אויסגערעכנטע אַרבעטן פון באָראָכאָוון צו טאָן מיט ענינים פון פּועלי ציוניזם? — יאָ, עס האָט שוין גראַדע יאָ צו טאָן, דירעקט נישט, אָבער אומדירעקט גאָר אַ סך.

אָט שרייבט באָראָכאָוו פאַרוואָס ער האָט אַזאַ גרויסן אינטערעס אין יידישער פילאָלאָגיע און ליטעראַטור־שאַפן:

„יעדער פאָלק ציילט צווישן זיינע נאַציאָנאַלע העלדן נישט נאָר די פּאָליטישע באַפרייאונגס־קעמפער, נישט נאָר די גרויסע פאָלקס־דיכטער און דענקער, נאָר אויך יענע פילאָלאָגן, וואָס האָבן אַוועקגעלייגט די ערשטע שטיינער אינעם בנין פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך־וויסנשאַפט״ (ב. באָראָכאָוו „די אייפגאַבע פון דער יידישער פילאָלאָגיע״ אין „דער פּנקס״, רעדאַקטירט פון ש. ניגער, ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין, 1913).

באָראָכאָוו קעגן עם הארצות

דער גרעסטער שונא אונדזערער איז דאָס עם־הארצות, וואָס עס הערשט אויף דער יידישער גאַס. נישט ווייניק איז שוין געשריבן געוואָרן, אַז עס וואַקסט אויף אַ דור, וואָס האָט קיין שום באַגריף נישט וואָס יידישקייט

מיינט. אונדזערע סאָציאַלע אַרבעטער, אין זייער רוב, קענען נישט קיין יידיש און נישט קיין העברעיש. זייער שולונג האָבן זיי באַקומען אין די אַלגעמיינע אוניווערזיטעטן, און ווען ס'קומט צו יידישע פּראָבלעמען ווייסן זיי אַזויפיל ווי „אַ האָן אין בני אָדם", און זיי — די סאָציאַלע אַרבעטער — זענען דאָך די פּאַקטישע פירער פון אונדזערע וועלפעיר פאָנדן (צדקה אַנ־שטאַלטן), באָנד-דרייווס און אַנדערע צדקה־אינסטיטוציעס.

אונדזערע „ווייס", די „צענטערן" האָבן ס'רוב דירעקטאָרן און אינסט־רוקטאָרן, וועלכע האָבן קיין שום באַגריף וועגן דער באַדייטונג פון אונ־דזערע יום־טובים, מנהגים און טראַדיציעס, וועגן אונדזער הוה און אונ־דזער עבר. זיי דאַרפן עס דערציִען אונדזער נייעם דור; אויף זיי ליגט די אויפגאַבע פון דער אומפּאַרמעלער בילדונג, וואָס מען דאַרף געבן אונדזער יוגנט.

ווען באָראָכאָוו וואָלט היינט געלעבט וואָלט ער געזאָגט פיל שאַרפער, ווי ער האָט עס געזאָגט אין 1913, ווען אין דער ליטע אָדער פּוילן האָט פּולסירט אַ פּולבלוטיק יידישן לעבן. דאַן האָט ער געשריבן: „נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס מיר פאַרמאָגן אין דער יידישער שפּראַך אַן אויסגעצייכנטע פּאָעטישע ליטעראַטור, קען מען נאָך דערווייל נישט רעדן וועגן אַן אמתער קולטורעלער אויפלעבונג. פריִער דאַרף מען דעם פאָלק אויסלערנען שרייבן ריכטיק, דערנאָך ערשט וועט ער זיך קענען לערנען צו שרייבן שיין. ביי אונדז האָט זיך די „רענעסאַנס" אָנגעהויבן מיט קולט פון שיינקייט, און יעדער עם־הארץ איז געוואָרן אַ דיכטער. איצט אָבער הייבט דאָס אָן צו ווערן נמאס. מען הייבט אָן צו פאַרשטיין, אַז ראשית חכמה איז לערנען, נאַציאָנאַל לערנען".

יאָ, לערנען, לערנען. ווי ווייניק פאַרשטייט עס אונדזער דור, און לאָ־מיר זאָגן נאָך שאַרפער: אַ גרויסער טייל פון די וואָס שטייען אין דער פירערשאַפט פון פאַרשיידענע יידישע אינסטיטוציעס זענען נישט ראוי צו זיין אויף זייערע אַמטן.

משה מענאַכאָווסקי

אין פאַרטיידיקונג פון יידיש

היינט־צו־טאָג זענען פאַראַן זייער ווייניק יידיש־באַוווסטזיניקע אינ־טעליגענטן, וואָס ווען אָנרופן יידיש — זשאַרגאָן. דער „ריב הלשונות" איז אַן ענין פון דער פאַרגאַנגענהייט, הגם באַשטימטע רעשטלעך אין אַ מאָדי־פיצירטער פאָרעם זענען נאָך אין אונדזערע טעג אויך פאַראַן.

אין די טעג ווען באָראָכאָוו האָט געשריבן זיין אַרטיקל: „די אויפגאַבן פון דער יידישער פילאָלאָגיע", אין 1913 — 5 יאָר נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, איז דער „ריב הלשונות" געווען אין פולן ברען. שרייבט דאַן באָראָכאָוו:

„די וויסנשאַפטלעכע באַאַרבעטונג פון אונדזער שפּראַך ליידט פיל פון די איינגעוואָרצלטע פאַראורטיילן, וואָס הערשן אין אונדזער אינטעליגענץ בנוגע צו יידיש. נאָך עד היום געפינען זיך ביי אונדז פילע, וואָס ביי זיי זעט אויס קאָמיש דער עצם געדאַנק פון אַ יידישער פילאָלאָגיע. פונקט אַזוינע גראָב־עם־האַרצישע טענות, ווי „יידיש איז אַ שמוציקער זשאַרגאָן", „יידיש איז אַ פאַרדאָרבענער דייטשער דיאַלעקט, וואָס האָט נישט קיין גראַמאַטיק און קיין שום קולטורעלן ווערט" — פונקט דאָס אייגענע האָבן גערעדט מיט אַכציק אָדער הונדערט יאָר צוריק די רעאַקציאָנערע פאָלקס־פיינטלעכע פאַלש־אינטעליגענטן ביי די גריכן, ביי די סערבן און נאָך עד היום טייל־ווייז די אוקראַינער, קאַטאַלאַנער אד"גל".

„אַ וויסנשאַפטלעך געבילדעטן פילאָלאָג שטייט גאָר בכלל נישט אָן צו דיסקוטירן מיט די אָנגעוויזענע יידיש־פיינטלעכע טענות. ווער ס'האָט כאָטש אַ קנאַפּן באַגריף אין שפּראַכוויסנשאַפט, ווייסט גאַנץ גוט, אַז יעדער דיבור, וואָס ווערט גערעדט און פאַרשטאַנען פון מיליאָנען מענטשן, מוז האָבן אַן אינעווייניקסטן סדר, אַ געזעצמעסיקן בוי, — אַ נישט וואָלט אים פשוט קיינער נישט פאַרשטאַנען".

ב. באָראָכאָוו לאַכט־אויס די וואָס פלאַפּלען, אַז יידיש האָט נישט קיין גראַמאַטיק, איז אַ צעקאַליעטשעטער דייטש, אַ שפּראַך פון מיש־מאַש לשונות אד"גל.

ס'וואָלט פאַרנומען צופיל פלאַץ צו געבן די אַלע אַרגומענטן, וואָס

באָראָכאָוו באַנוצט קעגן די ייִדיש־שונאים, וואָס האָבן דאַן מיט 40־50 יאָר צוריק אָנגעפילט די ייִדישע גאַס; זיי האָבן צו אונדזער גרויסן אומגליק פאַנאַנדערגעפלאַקערט די אומזיסטע שנאה צו ייִדיש און דורך דעם געבראַכט אַזאַ גרויסן שאָדן אונדזער פאָלק, וואָס פון דעם האָבן געוווּנען נאָר די אַסימילאַטאָרן, וועלכע האָבן דאַן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אין דער ייִדי־שער גאַס. דער לאָזונג: „עברית או רוסית" האָט נישט ווייניק חורבן אָנגע־טון דאָס ייִדיש לעבן.

די דאָזיקע אינטעליגענץ פון ייִדיש־שונאים און זייערע נאָכפאָלגער איז געווען גאַנץ גרויס.

קעגן זייערע עם־הארצישע געדאַנקען וועגן ייִדיש אַלס געמישטע שפּראַך דערקלערט ב. באָראָכאָוו: „קיין גאַנץ ריינע שפּראַך איז בכלל נישטאָ אין דער וועלט: העברעיִש האָט אין זיך פיל אַראַמעיִשע, גריכישע, פּערסישע עלעמענטן; רוסיש באַשטייט פון אַן אַ שיעור טערקישע און פינישע ווערטער. ענגליש איז אויסגעמישט פון קעלטישע, גערמאַנישע און ראמאַנישע טיילן", און אַזוי גייט ער אַן מיט אַ צעטל פון אַנדערע שפּראַכן. ער דערקלערט, אַז ייִדיש האָט אין זיך דייטשע, העברעיִשע און סלאַווישע עלעמענטן. ווי אָבער זיי גייען אַריין אין דער פאָלקס־שפּראַך, ווערן זיי אָן זייער פריִערדיקן פּרצוף און ווערן ייִדיש. ער ברענגט אַ גרויסן צעטל פון העברעיִשע עלעמענטן, וועלכע, הגם זיי ווערן געשריבן ווי אין העברעיִש, ווערן זיי אָבער אין ייִדיש אַנדערש אַרויסגערעדט, קריגן אַפילו אָפטמאָל אין ייִדיש אַן אַנדער באַדיי־טונג — בעל־הבית, כלי־זמר אד"גל. ס'זענען פאַראַן צונויפגעשטעלטע דייטש־העברעיִשע עלעמענטן, וואָס ווערן צוזאַמען איין ייִדיש וואָרט — צו להכעיס (צולאָכעס), טהרה־שטיבל אד"גל. מיר האָבן אַזעלכע ווערטער, וואָס דער שורש פון זיי איז אַ העברעיִשער און דער פּרעפיקס און סופיקס זענען פון דייטש — אויסגעחזרט, אונטערחתמען אד"גל.

באָראָכאָוו דערקלערט, אַז די דייטשע ווערטער שטאַמען אָפּ פון דעם פאַרקער פון די ייִדן מיט דער אַרומיקער אייראָפּעיִשער וועלט, די העב־רעיִש־אַראַמישע — פון קהל־לעבן, פון חדר, ישיבה און בית־המדרש, און די סלאַווישע — פון דעם פאַרקער מיט די פּויערים, שבת־גוי, הויז־דינסט אד"גל.

די דאָזיקע אמתן ווייסן היינט קינד און קייט. האָבן דאָס דאַן די פירער

פון דעם עקסטרעם־העברעיִסטישן לאַגער נישט געוווּסט? זיי זענען דאָך געווען ייִדן מיט גרויס וויסן, גרויס אינטעליגענץ. זיכער האָבן זיי וועגן דעם אַלץ געוווּסט. נאָר וואָס דען? — זיי האָבן אין זייער שנאה צו דער „דינסט־מויד" אויסגעטראַכט אויף איר פאַרשיידענע נאַרישע, נישט געשטויגענע און נישט געפלויגענע בלבולים. און זייערע נאָכזאָגער האָבן דאָס אין זייער אומ־וויסנקייט איבערגעחזרט, און געמיינט, אַז זיי זאָגן תורת־לאָקשן, און גע־גלויבט, אַז מיט דעם ראַטעווען זיי העברעיִש און במילא דעם מצב פון ייִדישן פאָלק.

היינט, ווען דער מצב פון ייִדיש וואָלט זיך געווונטשן צו האָבן אַ בע־סערע מערכה, רעדן זיי שוין וועגן ייִדיש ווי וועגן דעם „לשון קדושים".

באָראָכאָוו אין זיין אַרטיקל „העברעיִזמוס מיליטאַנט" („די ייִדישע וועלט", נומער 9, 1913), טרעט אַרויס קעגן די קעמפנדיקע העברעיִסטן וואָס צוליב זייערע בלבולים קעגן ייִדיש מינעווען זיי אונטער די ווערט פון העברעיִש און גראָבן אַ קבר פאַר איר, ווייל דאָרטן וווּ ייִדיש ליידט, געניסט נישט דערפון העברעיִש, נאָר די אַסימילאַציע.

וועגן העברעיִש רעדט באָראָכאָוו אין דעם זעלבן אַרטיקל מיט ליב־שאַפט און פּיעטעט; זאָגט, אַז העברעיִש האָט אַ גרויסע ווערט און שפּילט אַ גרויסע ראָל אינעם ייִדישן לעבן.

באָראָכאָוו איז אין ייִדיש פאַרליבט: „זעט ווי ייִדיש איז רייך אין אויס־דרוקן, שרייבט ער אין די „אויפגאַבן פון דער ייִדישער פילאָלאָגיע": כאַפּן מיר, למשל, אָן דעם באַגריף פון אַ פּראָסטן און פון אַ מעכטיקן מענטשן — „אַ פּראָסטער שלש סעודות, אַ פּראָסטער חי וקים, אַ פּראָסטער בשר ודם, אַ ייִד פון אַ גאַנץ יאָר, אַן איינפאַכער, אַ פּשוטער מענטש"; „אַ גאַנצער שלש סעודות, אַ מר בר רב אַשי, אַ מיוחס, אַ יחסן, אַ יאַ טאַבי דאַם, אַ גאַנצער מאַכער, אַ תקיף, אַ שררה, אברהם אבינוס אייניקל", און אַזוי ברענגט ער ביישפּילן פון אַנדערע ווערטער און ווערטלעך מיט וועלכע ייִדן באַנוצן זיך צו געבן אַ באַשטימטן באַגריף פון אַ מענטשן אָדער סי־טואַציע.

ב. באָראָכאָוו ווייסט זייער גוט, אַז אין ייִדיש פעלן ווערטער פאַר אַ סך באַגריפן: „וואַלגערנדיק זיך דורות לאַנג אויפן גאַס, שלעפנדיק זיך איבער די ירידן, האָט ייִדיש נישט געהאַט די זכיה אויפגעצויגן צו ווערן

אין די קאָנצעלאַריעס, פאַרפּיינערט צו ווערן אין די סאַלאָנען און אין די אוניווערזיטעטן. דערפאַר איז ייִדיש אָרעם אין וויסנשאַפטלעכע השגות. עס פאַרמאָגט נישט קיין אויסגעבילדעטע יורידישע און פּאָליטישע טערמינאָלאָגיע; ייִדיש האָט זיך געשפּייזט פון די נאַיווע נישט געקינצלטע געפילן פון דער ייִדישער פרוי ביים פּריפּעטשעק — האָט עס נישט געקענט אויסאַרבעטן אין זיך די פיינקייט פון אויסדרוק, די בייגעוודיקייט פון דער פּסיכאָלאָגישער שילדערונג. און — דער עיקר — אָפּגעריסן פון דער נאַטור צוזאַמען מיטן פאָלק, האָט ייִדיש נישט געקענט באַקומען קיין געזונטן חוש פאַר די נאַטור־דערשיינונגען; עס פעלן נעמען פאַר מינעראַלן, פלאַנצן און חיות; (דער ווילנער ייִדישער לערער־סעמינאַר האָט אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן זייער פיל אויפגעטאָן אויף דעם געביט — מ. מ.). אונדזער שפּראַך רופט זיך נישט אָפּ אויף דעם זשומען פון אַ היישעריק, אויף דעם פּייפן פון אַ פייגל, און דעם הוילן פון אַ וואָלף...״

פון דעם קומט ער צום אויספיר, אַז די ייִדישע פילאָלאָגיע דאַרף זאָרגן דערפאַר, אַז ייִדיש זאָל ווערן אַ נאַציאָנאַלער קולטור־מיטל, אַ בילדונג־מיטל סיי פאַר די ברייטע מאַסן פון פאָלק, סיי פאַר דער אינטעליגענץ. באָראָכאָוו רעדט וועגן דעם גרויסן פאַרדינסט פון אונדזערע ליטעראַטור־קלאַסיקער פאַר דער באַרייכערונג פונעם ייִדישן לשון.

די פילאָלאָגיע מוז די אַרבעט פאַרזעצן. זי מוז אויספאָרשן און באַאַרבעטן די מאַסע ווערטער און די גלייכווערטלעך, וויצן, לידער, מעשיות, רעטענישן אד״גל.

וועגן רעפאָרמירן דעם ייִדישן אויסלייג

„וואָס שוואַכער אַ פאָלק, וואָס מער סכנות ס׳שטייען פאַר דעם קיום פון זיין שפּראַך, אַלץ מער נייטיקט זיך די שפּראַך זיינע אין אַ פאַרנינפּטיקער, קלאָרער, אויסגעהאַלטענער שרייבונג. די צעקאָליעטשעטע משונהדיקע שרייבונג פון פראַנצויזיש, ענגליש, רוסיש שטעלט טאַקע פאַר אַ שווערע פּלאָג פאַר די וואַקסנדיקע דורות. נאָר די קינדער און זייערע עלטערן האָבן קיין אַנדער ברירה נישט, זיי מוזן זיך נעבעך אָנשטרענגען, כדי גובר צו זיין דעם אָרטאָגראַפישן תהו ובוהו. אָבער ביי די שוואַכע פעלקער,

ווו די לערנדיקע יוגנט האָט פאַר זיך אַ פרייע וואַל, ווי זי קען פאַרבייטן איר מוטער־שפּראַך אויף אַן אַנדער קולטור־מיטל, שטעלט פאַר אַ פאַרפלאָנטערטע שרייבונג אַ גרויסן נסיון פאַר דער יוגנט און אַ שווערע סכנה פאַר דער שפּראַך. דעריבער האָבן טאַקע געמוזט די אונגאַרן, טשעכן, סערבן, אוקראַינער, לאַטווישן גרינדלעך רעפאָרמירן זייער שרייבונג; דאָס זעלביקע טוען אַצינד (געשריבן אינעם יאָר 1913 — מ. מ.) די בולגאַרן און די טערקן און מיר וועלן אויך מוזן פאָלגן דעם ביישפּיל פון „עלטערע מענטשן".

באָראָכאָוו שלאָגט פאָר אַ ריי גרונטלייגן פאַר דער אָרטאָגראַפיע. מיר וועלן אויסרעכענען נאָר אייניקע, כדי צו געבן אַ באַגריף וועגן דעם ווי אַזוי באָראָכאָוו איז געווען אַ פאָרויסגייער אין דער אָרטאָגראַפיע, וואָס מיר באַנוצן היינט. ער זאָגט, אַז ערשטנס דאַרף די אָרטאָגראַפיע זיין ווי ווייטמעגלעך פאָנעטיש: שרייבן „באַגראָבן" אנשטאָט „בעגראָבן"; „פאַריכטן" אנשטאָט „פערריכטן"; „זאָגן" און נישט „זאָגען" (אַרויסוואַרפן דעם שטומען „ע"), אָבער שרייבן: ווייִנען, קומען, זינגען בענקען (איבערלאָזן דעם „ע" נאָך די אותיות נ, מ, נג, נק און נאָך אַ וואָקאַל); שרייבן „מענטש" און נישט „מענש"; „ייִדן" און נישט „אידן"; „אונדז" און נישט „אונז". נישט אַלע רעפאָרמען וואָס באָראָכאָוו האָט פאָרגעלייגט זענען אָנגענומען געוואָרן; ער לייגט צ״ב פאָר שרייבן די ווערטער: איך, אים איר — ייִך, ייִם, ייִר, דאָס הייסט, „יִי" אנשטאָט „אי". ער הייסט אָבער שרייבן: אין, איז, איצטער, איבעראד״גל, מיט אַן „אי" — אלף־יוד.

הגם ער זאָגט: „שרייב ווי דו רעדסט", מאַכט ער אָבער פאָלגנדע רעזערוואַציעס: 1. די שרייבונג דאַרף נישט צו שטאַרק סותר זיין די עטימאָלאָגישע באַדייטונג פון וואָרט, למשל, זאָגן זאָגט מען: „טייליווייס, אייניצִיקווייס". אַזוי ווי אָבער דער תואר (אייגנשאַפטס וואָרט מ.מ.) דערפון קלינגט „טיילווייזער" שרייב איך „טיילווייז" — מיט אַ „ז"; 2. אַז ייִדיש ווערט געלייענט אין פאַרשיידענע קאַנטן (געגנטן מ. מ.) פאַרשיידן, און דער ליטווישער יסוד דאַרף נישט צו שטאַרק סותר זיין די פוילישע אָדער וואָלינישע אויסשפּראַך. אַזוי לייענט דער פוילישער ייִד צוויי „יודן" נאָך אַ קאָנסאָנאַנט תמיד ווי „אַיי" אָדער ווי „אַאַ". דעריבער דאַרף מען שרייבן נישט „בייִנקען", נאָר „בענקען; אַ נישט וועט דער פוילישער ייִד לייענען ווי „באַנקען" און קען האָבן אַ טעות אין „פשט".

ווי פּראָכטפּול באָראָכאָוו האָט געמאַכט די באַמערקונגען!

וואָס שייך די העברעיִש־אַראַמעיִשע ווערטער אין יידיש שרייבט באָראָ־כאָוו בזה הלשון:

„אַ גאַנץ שווערע פראַגע איז מכוח דער שרייבונג פון העברעיִש־אַראַ־מעיִשע ווערטער, וואָס ווערן געבראַכט אין יידיש (ב. שרייבט העברעיִש — אָן אַן „א" נאָכן „ע" — מ. מ.). כדי זיך נישט אָפּשטעלן ציפּיל, וועל איך נאָר באַמערקן, ערשטנס, אַז יענע ווערטער, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייער העב־רעיִשע אויסשפּראַך איז בעסער צו שרייבן יידיש: טאָמער, באַלעבאָס, צע־לאָכעס; צווייטנס: דאָרטן ווו אין העברעיִש איז אויך מעגלעך די „כתיבה מלאה" פון די אותיות הנוח (א.ו."ה.י.) איז בעסער צו שרייבן „מלא" אנ־שטאָט „חסר" אַפילו פאַר אַ דגש חזק און אין דער מערצאָל: צ"ב דור„ קול, חודש, שורש — מיט אַ „וואָוו" אָדער שיעור, קיצור, מידה, סיבה, קהילה, מגילה, סימנים — מיט אַ „יוד" (אַזעלכע ווערטער ווי חדש, סבה, שרש, מדה שרייבט מען אין העברעיִש אָן אַ „וואָוו" אָדער אָן אַ „יוד". אין ישראל האָט מען לעצטנס איינגעפירט די „כתיבה מלאה" און זיי שרייבן מיט אַ „יוד" אָדער „וואָוו" די ווערטער סיבה, חודש אד"גל (מ. מ.). בכלל אָבער שרייבנדיק די העברעיִשע ווערטער מיט זייער אורשפּרינגלעכער כתיבה, דריקט מען צוגלייך אויס זייער באַזונדער לינגוויסטישע ראָל, וואָס זיי שפּילן אין דער יידישער שפּראַך".

„איך ווייס נישט צי עס לוינט זיך אָפּצושטעלן אויף דער משונהדיקער „רעפאָרם" וואָס עס לייגן פאָר אונדזערע „ראַדיקאַלן" צו פאַרבייטן דעם העברעיִשן אלף־בית אויפן לאַטייניש. פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט איז דאָס אַ געוואַלטיקער אומזין; נאָר אויך ריין פּראַקטיש איז דער העברעיִשער אלף־בית פיל בעסער פאַרן לאַטייניש, און איך מיין, אַז, למשל, די פּאָ־ליאַקן, טשעכן און אונגאַרן וואָלטן זיך מיטן העברעיִשן אלף־בית געפּילט פיל בעסער, איידער מיטן אָרעמען לאַטייניש. אויך איז פיזיאָלאָגיש בעסער צו שרייבן פון רעכטס אויף לינקס איידער פאַרקערט".

באָראָכאָוו האָט נישט געוווסט, אַז ס'וועלן קומען יידישע קאָמוניסטן און וועלן, אין זייער שנאה צו העברעיִש, איינפירן דעם יידישן אויסלייג פון די העברעיִשע עלעמענטן אין יידיש, און אויף זיי וועלן זיך פאַרקוקן אויך אַנדערע.

משה מענאַכאָווסקי

באָראָכאָוו לערנט ווי צו שרייבן יידיש

וועגן דעם ווי מען איז געקומען צו באָראָכאָוון זיך לערנען ווי צו שרייבן יידיש דערציילט ש. ל. ציטראָן (דריי ליטעראַרישע דורות, באַנד III, ווילנע, 1922).

„מיין ערשטע און לעצטע באַגעגעניש מיט באָראָכאָוון איז געווען אויפן עלפטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ווין, סוף זומער 1913. גראָד זענען מיר געזעסן איינער לעבן דעם אַנדערן ביים זשורנאַליסטן־טיש; איך אַלס קאָרעס־פּאָנדענט פון „הזמן" און ער — פון אַן אַמעריקאַנער ענגליש־יידישן בלאַט.

די קאָרעספּאָנדענטן פון די וואַרשעווער יידישע בלעטער, וואָס זענען געזעסן ביים זעלבן טיש אונדז וויזאַווי, פלעגן פון צייט צו צייט אריבער־וואַרפן באָראָכאָוון צעטעלעך מיט אָנפראַגעס: ווי מען דאַרף שרייבן דעם אָדער יענעם יידישן וואָרט. דער ערשטער טייל אָנפראַגעס האָט געטראָגן אַ הומאָריסטישן כאַראַקטער — אַ שטילער פּראָטעסט קעגן באָראָכאָוון אַלס נאָוואַטאָר אויף דעם געביט פון דער יידישער אָרטאָגראַפיע, פאַר וועלכן ער איז דעמאָלט געווען באַקאַנט אין די יידישע ליטעראַרישע קרייזן דורך זיינע בריוו צו זיינע חברים און פריינט. באָראָכאָוו האָט נישט אויסגעלאָזן קיין איין צעטעלע אָן אַן ענטפער, און זיינע תשובות זענען שוין דווקא געווען ערנסטע און פון זיין שטאַנדפּונקט וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט.

„איינמאָל, בשעת אַ הפסקה, האָב איך מיט באָראָכאָוון פאַרפירט אַ שמועס וועגן זיין נייער שיטה אין דעם יידישן אויסלייג, צו וועלכן איך האָב בשום אופן נישט געוואָלט מסכים זיין. מיין טענה איז געווען, אַז ווי־באַלד די יידישע ליטעראַטור האָט שוין אירע קלאַסיקער, ווי מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ און אַנדערע, אַלע גרויסע וואָרט־קינסטלער, בכן דאַרפן מיר זיך האַלטן אין זייער איינמאָל פאַר אַלע מאָל אויסגעאַרבעטער אָרטאָ־גראַפיע און נישט בויען קיין נייע שיטות, וועלכע קענען אפשר פון פאָלק גאָרנישט אָנגענומען ווערן. אויף דעם האָט מיר באָראָכאָוו געענטפערט אויפ־ווייזן, אַז די אַנטוויקלונג פון אַ לשון וועדנט זיך נישט אין דאַרף זיך נישט ווענדן אין קיין שום ליטעראַרישע אויטאָריטעטן. דאָ שפּילן די הויפּט־ראָל פאָלגנדיקע פאַקטאָרן: די האַרמאָנישע איינהייטלעכקייט צווישן דעם מויל

מיט דער פען און די קורצקייט פון וואָרט, וואָס ווערט דערגרייכט דורך זיין באַפרייאונג פון יעדן איבעריקן באַלאַסט. ס׳איז נישטאָ קיין שפּראַך אין דער וועלט, וואָס זאָל בלייבן שטיין פאַרגליווערט אויף זיין אָרטאָגראַפיע; יידיש קען נישט זיין קיין יוצא מן הכלל. ווען יאָ, וועט זי זיך תמיד געפינען אין סכנה מטושטש און פאַרגרייזט צו ווערן שריפטלעך און צו פאַרבלייבן סוף כל סוף אינגאַנצן אומפאַרשטענדלעך״.

„דערווייל האָט זיך אַרום מיר מיט באָראָכאָוון אַרומגעקליבן אַ רעדל זשורנאַליסטן און שריפטשטעלער, צווישן זיי אויך ד״ר נתן בירנבוים און עטלעכע קאָנגרעס דעלעגאַטן. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגער און שאַרפער וויכוח מכוח דעם יידישן אויסלייג. דאָס רוב אָנטיילנעמער אין געשפּרעך האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קאַטעגאָריש קעגן באָראָכאָוון; אָבער קיינער האָט זיך נישט געקענט באַפרייען פון גוואַלטיקן רושם, וואָס ער, באָראָכאָוו, האָט געמאַכט מיט זיין גרויסער ליטעראַרישער ערודיציע און מיט זיין עילויישער באַהאַוונטקייט אין די אַלע פאַרשיידנאַרטיקע יידישע אידיאָמען און דיאַלעקטישע פאָרמען אויף וויפל זיי זענען באַנוצט געוואָרן אין די אַלערלייאיקע פאַרצייטיקע יידישע ספרים. ווי אַ גאון, וואָס וואַרפט נאָכאַנאַנד מיט גמראָס און מיט מפורשים און מיט פּוסקים און שאלות־ותשובות, אַזוי האָט באָראָכאָוו געשאָטן מיט ציטאַטן און מיט מראי־מקומותן גענומען פון יידישע און נישט־יידישע אינקונאבולן, וואָס כמעט אַלע פון אונדז האָבן קיינמאָל נישט געהערט אַפילו זייער נאָמען״.

די ביבליאָטעק פון יידישן פילאָלאָג

אין דעם „פנקס״ פון 1913 איז באָראָכאָוו פאַרטראָטן אויסער מיט „די אויפגאַבן פון דער יידישער פילאָלאָגיע״ פון וואָס מיר האָבן געבראַכט אַזוי פיל ציטאַטן (ס׳איז באמת ווערט, מען זאָל עס איצט אָפּדרוקן אין אַ באַזונדער אויסגאַבע, הגם פיל שטעלן האָבן שוין איצט פאַרלאָרן זייער אַקטועלקייט; דיאַלעקטיש אָבער זענען זיי אַ קוואַל פאַר אָפּשאַצן די פילזייטיקייט און גרויסע קענטענישן פון ב. באָראָכאָוו), אויך מיט רעצענזיעס וועגן „נח פּרילוצקיס זאַמלבוך פאַר יידיש פאָלקלאָר, פילאָלאָגיע און קולטור־געשיכ־

טע״ און „אַ גרוס פון פאַר דריי הונדערט יאָר״ — וועגן די יידישע פריוואַט־בריוו פון 1619. אַ באַזונדער גרויסן היסטאָרישן ווערט האָט זיין „די ביב־ליאָטעק פון יידישן פילאָלאָג״ — פיר הונדערט יאָר יידישע שפּראַכפאָרשונג.

באָראָכאָוו איז געווען פון די ראשונים אויפן געביט פון יידיש־פאָר־שונג. ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן אין יידיש ערשט צו 26 יאָר — 10 יאָר פאַר זיין טויט. ער איז געווען אַ קענער פון אַ סך שפּראַכן: לאַטיין, גריכיש, דייטש, פראַנצויזיש, ענגליש, איטאַליעניש, יידיש, העברעיש, רוסיש און געלערנט סאַנסקריטיש, גרוזיניש, אַראַביש, פּערסיש, טערקיש.

„די ביבליאָטעק פון יידישן פילאָלאָג״ פאַרצייכנט 501 נומערן און איז געוואָרן אַ וויכטיקער בייטראָג פאַר די אַלע וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט יידיש־פאָרשונג.

באָראָכאָוו צעטיילט די מחברים פון דער „ביבליאָטעק״ אויף זעקס גרופּעס:

1. קריסטלעכע געלערנטע פון 16טן יאָרהונדערט ביז 18טן, וואָס האָבן זיך ערנסט פאַרנומען מיט יידיש צוליב גאַנץ פאַרשיידענע טעמים.

2. יידישע געלערנטע פון דערזעלביקער צייט, וואָס האָבן צו יידיש גופא קיין שום אינטערעס נישט געהאַט;

3. שונד־לינגוויסטן, על פּי רוב משומדים.

4. ליבעראַלע קריסטן־פאָרשער אין 19טן יאָרהונדערט, על פּי רוב שעצן זיי יידיש ווי אַ דייטשן דיאַלעקט.

5. אַסימילירטע יידן, וואָס גייען צו צו יידיש ווי צו אַ פאַרדאָרבענעם דייטשן דיאַלעקט.

6. מחברים פון נייעם יידישן דור, וואָס פאַרשטייען דעם קולטורעלן אָדער לפּחות דעם בילדונגס־ווערט פון דער יידישער שפּראַך און שטרעבן זי קולטורעל צו אַנטוויקלען.

די ביבליאָגראַפיע פאַרנעמט 66 גרויסע זייטן און אייניקע „נומערן״ זענען גאַנץ גענוי און אויספירלעך.

אָט איז איין „נומער״ אַלס מוסטער:

499 A. Landau, Zur polnischen Geheimsprache: Archiv für slavische philologie (V. Jagié XXII, 1900, 137-150.

דאָס איז אַ רעצענזיע אויף קורקאס ווערטערבוך, וואָס איז דערפאַר באַזונדערס וויכטיק, ווייל אַזוינע זשאַרגאָנען ווערטערביכער (חוץ גינטערס זאַמלונגען, ווו ס׳האָט מיטגעאַרבעט ד״ר לאַנדוי) געפינען זיך נאָך פיל ווערטער, וואָס שטאַמען פון יידיש־דייטש, נאָר די מחברים האָבן דאָס נישט באַמערקט. דאָס איז באַזונדערס נייטיק צו געדענקען בנוגע צו טראַכטנבערגס שוואַכער אַרבעט בנוגע דעם רוסישן אַרעסטאַנטן זשאַרגאָן, וואָס איז אַרויס אונטער דער רעדאַקציע (?) פון באַרימטן לינגוויסט פּראָפעסאָר באדוען־דע־קורטענע״.

„פאַר דעם יידישן קולטור־היסטאָריקער איז די דאָזיקע ליטעראַטור מכוח די גנבים־שפּראַכן העכסט־אינטערעסאַנט. העכסט־אינטערעסאַנט איז למשל ווען די קריסטלעכע דייטשע גנבים רופן אָן אַ מאַנסביל — „גוי״; ברויט — „לחם״; פלייש — „בשר״; טויטן — „כפרה־מאַכן״, דאַוונען — „בענטשן״, ווייַן — „יין״, שפּילן אין קאַרטן — „יונ׳ען״ אד״גל, אָן אַן עק. מער פאַר אַלץ יידיש־טייטשע ווערטער באַגעגענען זיך אין די זשאַרגאָנען פון די דייטשע גנבים, פּראָסטיטוטקעס, סטודענטן, וואַנדער־הענדלער. ביי די סלאַווישע, בפרט אָבער ביי די רוסישע גנבים, באַגעגענען זיך שוין גאָר ווייניק יידיש־טייטשע ווערטער, און אין די זשאַרגאָנען פון די רוסישע וואַנדער־הענדלער (אפיעניעס) וואַנדער־בעל־מלאכות אאַז״וו, געפינען זיך שוין כמעט גאָרנישט קיין יידיש־טייטשע עלעמענטן. דער דאָזיקער פאַקט וואַרפט אַ ליכט אויפן עקאָנאָמישן לעבן פון די יידן אין די סלאַווישע לענדער״.

„אינטערעסאַנט איז אויך צו באַמערקן, אַז אין דער יידישער כלי־זמר־שפּראַך געפינען זיך אַ סך סלאַווישע גנבים אויסדרוקן״.

ס׳זענען דאָ נאָך לענגערע ביבליאָגראַפיעס. אַנדערע האָבן נאָר דעם נאָמען פון מחבר און ווערק, צאָל זייטלעך און יאָר. דאָס זענען אַזעלכע, וואָס באָראָכאָוו האָט די ביכער אַליין נישט געזען. די יידישע אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, פינפטער באַנד גיט אָן, אַז 20 פּראָצענט פון באָראָכאָווס רשימה האָט ער אַליין נישט געזען, ער האָט זיי רעגיסטרירט פון אַ צווייטער האַנט.



באַראָכאָוו און דער יידישער אַרבעטער

(צייכענונג פון יוסף טשייקאָוו)

IV

באָראָכאָוו דער פאָרשער פון דער ייִדישער ליטעראַטור

I

איינע פון די גרעסטע און וויכטיקסטע אַרבעטן וואָס באָראָכאָוו האָט בייגעשטייערט צו דער ייִדישער ליטעראַטור איז „די געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור“, וואָס איז געשטיצט אויף די ערשטע ביז דאַן נאָך נישט אויסגעפאָרשטע קוועלן. כ׳רוף דעם קאַפּיטל אָבזיכטלעך אָן „באָראָכאָוו דער פאָרשער פון דער ייִדישער ליטעראַטור“, ווייל באָראָכאָוו האָט זיך נישט געהאַלטן פאַר קיין ליטעראַטור־קריטיקער, נאָר זיך פאַררעכנט פאַר אַ פאָרשער. ער זאָגט, אַז ער איז נישט קיין ליטעראַטור־קריטיקער און וויל דאָס נישט זיין, ווייל ער האַלט נישט דערפון. ער פאַררעכנט זיך אַלס וויסנשאַפטלעכן אַרבעטער; נאָר דאָס קען ער און וויל זיין.

פאַרוואָס האַלט נישט באָראָכאָוו פון ליטעראַרישער קריטיק? — ווייל אַ וויסנשאַפטלעכער קריטיקער — זאָגט ער אין זיין „אָן אָפענער בריוו צו די יונגע“ (ליטעראַטור און לעבן, חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, קונסט און קולטור, דריטער יאָרגאַנג, נומער 2, 1915), איז אַליין אַ וויסנשאַפטסמאַן און „ווו ער צעשטערט דאָרט בויט ער... דער קריטיקער אין כעמיע מוז אַליין אַ כעמיקער זיין; דער קריטיקער אין פילאָלאָגיע מוז אַליין אַ פילאָלאָג זיין...“ אַ נישט איז ער נישט קאָמפּעטענט, איז ער סתם אַ רעצענזענט, אַ לעכערלעך מיאוסער מבין אויף אַלצדינג אין דער וועלט. דערפאַר איז קריטיק אַזוי נייטיק און אַזוי געבענטשט אין דער וויסנשאַפט. איין

חבר, איין מיטאַרבעטער און מיטקעמפער קריטיקירט דעם צווייטן, און אַזוי דאַרף עס זיין".

דעריבער האַלט נישט באָראָכאָוו פון ליטעראַרישער קריטיק, ווייל דער „קריטיקער" צעשטערט מיינסטנס און בויט נישט, ער „קריטיקירט" דעם זינגער אָדער מאַלער, ווען ער אַליין איז נישט קיין זינגער אָדער מאַלער און קומט צום אויספיר, אַז „די קריטיק איז דער פּאַראַזיט פון דער שיינער ליטעראַטור".

צום ערשטן שטעלט באָראָכאָוו אַוועק די פראַגע, וואָס פאַרשטייען מיר אונטערן נאָמען „יידישע ליטעראַטור" און ער ענטפערט, אַז אונטער יידי־שער ליטעראַטור פאַרשטייען מיר צוויי זאַכן: 1 — די יידישע ליטעראַטור געשאַפן אין דער יידישער שפּראַך און 2 — די גאַנצע ליטעראַטור אין אַלע שפּראַכן געשאַפן פון יידן פאַר יידן.

בנוגע דעם פּונקט 1 איז נישטאָ וואָס אויפצוקלערן. בנוגע דעם פּונקט 2 דערקלערט באָראָכאָוו בזה הלשון: „אין דעם דאָזיקן געוויינטלעכן און ברייטן זין פון וואָרט נעמט אַרום די יידישע ליטעראַטור אַלצדינג וואָס איז מינדלעך און שריפטלעך געשאַפן געוואָרן פונעם יידישן פאָלק פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין טויזנטיאָריקער געשיכטע, אָנגעהויבן פון יענע פאָלקס־לידער און היסטאָרישע לעגענדן וואָס האָבן געבילדעט דעם עלטסטן יסוד פון תנ"ך און ענדיקנדיק מיט די לעצטע שאַפונגען פון ביאַליק, אחד העם, שלום עליכם און פּרץ". (באָראָכאָוו האָט די דאָזיקע אַרבעט געשריבן אין 1915. זענען פון די יינגסטע שרייבער ביי אים געווען ביאַליק און אחד־העם אין העברעיש, און שלום עליכם און פּרץ אין יידיש). פון דעם ווערט במילא קלאָר, אַז סיי די העברעישע שפּראַך פון די נביאים, סיי די גמרא אין דער אַרמייאישער שפּראַך, סיי די שריפטן פון רמב"ם אין דער אַראַבישער שפּראַך, די יידיש־דייטשן סטראָפן פון שמואל־בוך, און די גייסטע העברעי־שע און יידישע ליטעראַטור — דאָס אַלץ געהערט צו דער יידישער לי־טעראַטור".

ביי נאָרמאַלע פעלקער איז עס זייער פּשוט: די דייטשן שאַפן פאַר די דייטשן אין דער דייטשער שפּראַך; די פראַנצויזן שאַפן פאַר זייער פאָלק אין דער פראַנצויזישער שפּראַך אאַז"וו. ביי יידן איז אַנדערש. „דאָ ווערט לי־טעראַטור אויך געשאַפן פון יידן פאַר יידן, אָבער די שפּראַך שפּילט נישט

קיין ראָלע דערביי. די פינף און צוואַנציק יאָרגענג „וואָסכאָד“ אין דער רוסישער שפּראַך, די זיבעציק יאָרגענג פון דער „אַלגעמיינער צייטונג דער יודנטום“ אין דייטש, דער „אַנואַר פּענטרו איזראַעליצי“ אין רומעניש — זיי אַלע אַנטהאַלטן אין זיך און פאַרקערפּערן אַ ליטעראַרישע יידישע שאַפונג פון יידישע דורות און מען קען זיי בשום אופן נישט אויסמעקן פון דער יידישער פּרעסע און יידישער ליטעראַטור“.

נישט אַלץ וואָס יידן שרייבן געהערט צו דער יידישער ליטעראַטור. ווען למשל ספּינאָזאַ, בערנע, היינע א״אַ שרייבן פאַר אַנדערע פעלקער אָדער דער גאַנצער מענטשהייט, קען מען עס נישט פאַררעכענען פאַר יידישע ליטעראַטור, אָבער „דער רוסישער פרוג, דער דייטשער ק. ע. פראַנצאָז, דער רומענישער ראנעטי ראמאן *) געהערן יאָ צו דער יידישער ליטעראַטור, ווייל זיי האָבן טיילוויז, נישט גאַנץ באַוווסטזיניק, טיילוויז נישט־ווילנדיק, נאָר פאַקטיש געשריבן פאַר יידן. נאָך מער: דער רוסישער פרוג איז אַ סך אַ חשובער בירגער אין דער מדינה פון יידישער ליטעראַטור, איידער דער זעלבער פרוג אין יידיש. אויף פרוגס רוסישע לידער האָט זיך אויפגעצויגן אַ גאַנצער דור פון יידישן פאָלק אין רוסלאַנד, בעת זיינע „זשאַרגאָנישע“ לידער האָבן געמאַכט אַ גאַנץ אומבאַדייטנדיקן רושם.

די נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקע טיילן פון פאָלק, זאָגט באָראָכאָוו, שטרעבן אין דער לעצטער צייט, אַז די יידישע ליטעראַטור זאָל זיין נאַציאָנאַל נישט נאָר אין איר אינהאַלט נאָר אויך אין איר פאָרעם. „מיר פאַרלאַנגען, איצט דורכויס, אַזאַ ליטעראַטור, וואָס ווערט געשאַפן פון יידן פאַר יידן אין אַ נאַציאָנאַלער יידישער שפּראַך. דאָ זענען ביי אונדז גלייכבאַרעכטיקט די צוויי נאַציאָנאַלע שפּראַכן, וואָס פאַרבינדן און פאַרייניקן דאָס יידישע פאָלק און די יידישע קולטור אין איין גאַנצקייט סיי אין צייט, סיי אין שטח.

*) קאַרל עמיל פראַנצאָז (1848—1904) געלעבט אין רוסיש־פּאָדאָליע, מחבר פון סקיצן פון יידישן לעבן אין רומעניע, גאַליציע און דרום־רוסלאַנד און פון ראָ־מאַנען און דערציילונגען, ווו ער באַשרייבט דאָס לעבן פון דרום־מזרח־אייראָפּע.

ראנעטי ראמאן (1853—1908). אין 1893 הייבט ער אויף די יידן־פראַגע אין אַ פּאַמפלעט אונטערן נאָמען Doña Masuri צוויי מאָסן. באַוווסט איז ער געוואָרן פאַר זיין דראַמע Manasse ווו ער באַרירט די פראַגע פון געמישטע חתונות —
מ. מ.

באָראָכאָוו דעפינירט די ראָל סיי פון יידיש, סיי פון העברעיִש, אין אונדזער לעבן און זאָגט, אַז בשעת העברעיִש — סיי דאָס אַלטע, סיי דאָס נייע — פאַרבינדן אונדזער קעגנוואָרט מיט דעם עבר און מיט דער צוקונפט, שפּילט די יידישע שפּראַך די ראָל וואָס זי פאַרבינדט דאָס יידישע פאָלק, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע תפוצות אין איין גייסטיקער משפחה.

ביי נאָרמאַלע פעלקער איז דאָס געוויינטלעך איין שפּראַך וואָס בינדט צונויף דאָס פאָלק אין צייט און רוים; „אונדז פאַרבינדט העברעיִש צו איין היסטאָרישער פּערזענלעכקייט אין דער צייט, יידיש — אין דעם שטח. דע־ריבער געהערט צו אונדזער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור אַלצדינג, וואָס איז און ווערט געשאַפן סיי מינדלעך סיי שריפטלעך פון יידן פאַר יידן אין דער העברעיִשער און אין דער יידישער שפּראַך (קורסיוו פון ב. ב.).

נישט אַלץ וואָס ווערט געשריבן אין יידיש אָדער העברעיִש ווערט פאַררעכנט פאַר יידישער ליטעראַטור. די, למשל, פאַרשיידענע מיסיאָנערי־שע ביכער סיי אין יידיש, סיי אין העברעיִש, קענען בשום אופן נישט צו־גערעכנט ווערן צו דער יידישער ליטעראַטור.

באָראָכאָוו רעדט ווייטער, אַז בעת די העברעיִשע ליטעראַטור גיט זיך איבערהויפּט אָפּ מיט ענינים וואָס האָט צו טאָן מיט יורידיש־רעליגיעזע און וויסנשאַפטלעכע ענינים, איז די יידישע ליטעראַטור אויף דעם געביט זייער אָרעם; דערפאַר איז אָבער די יידישע ליטעראַטור רייך מיט קינסטלערישע ווערק, מיט „שיינע דיכטונג".

געוויס וואָלט באָראָכאָוו אַזוי נישט פאָרמולירט דעם מהות פון דער יידישער ליטעראַטור און דער העברעיִשער, ווען ער וואָלט נאָך היינט גע־לעבט. היינט־צו־טאָג האָבן מיר אַ גרויסע שיינע ליטעראַטור אין העברעיִש און אַ גאַנץ באַדייטנדיקע וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור אין יידיש. פון 1915, ווען באָראָכאָוו האָט געשריבן די דאָזיקע אַרבעט, ביז דער איצטיקער צייט איז אונדזער ליטעראַטור אין ביידע שפּראַכן אָפּגעגאַנגען אַ גאַנץ פיינעם מהלך.

II

באָראָכאָוו טיילט איין די מדינה פון ליטעראַטור אין אַ סך פּראָווינצן. זיי שטייען צווישן זיך אין שטענדיקן לעבעדיקן פאַרקער און זענען משפּיע איינער אויף דער אַנדערער. אָט זענען זיי:

א. די מינדלעכע, נאָמענלאָזע און קאָלעקטיווע פאָלקסשאַפונג (פאָלקלאָר);

ב. די איבערגאַנגס־פאָרמען פון פאָלקלאָר צו אינדיווידועלער ליטעראַרישער שאַפונג (ביי ייִדן זענען דאָס די פאָלגנדיקע איבערגאַנגס־פאָרמען: די מגידות, די בדחנות, די „לצנים", די פאָלקס־דראַמע, פּורים־שפּיל און דאָס גלייכן.

ג. די געשריבענע שיינע ליטעראַטור (דיכטונג אין פּראָזע און פּערזן).

ד. די דראַמע און טעאַטער.

ה. די וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור.

ו. פּובליציסטיק און ליטעראַרישע קריטיק.

ז. די פּרעסע (פּעריאָדישע און נישט פּעריאָדישע ,יערלעכע, מאָנאַטלעכע, וועכנטלעכע און טעגלעכע.

ח. די רעטאָריק (רעדנער און דעקלעמאַציאָנס־קונסט).

אין דער ווייטערדיקער אַרבעט באַלייכט באָראָכאָוו אויף ווי ווייט די ייִדישע שפּראַך הערשט אין די אַלע פּראָווינצן פון דער ייִדישער ליטעראַטור. ער שטרייכט אונטער דערביי, אַז אינגאַנצן אָפּטיילן די ייִדישע ליטעראַטור פון דער העברעיִשער איז אוממעגלעך. די ייִדישע ליטעראַטור איז שטענדיק געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון די איבעריקע ליטעראַטורן צווישן וועלכע זי האָט זיך געפונען. באַזונדערס האָט אויף איר געווירקט די דייטשע ליטעראַטור. אַמשטאַרקסטן האָט אָבער די העברעיִשע ליטעראַטור געווירקט אויף דער ייִדישער ליטעראַטור.

מען קען נאָך, זאָגט ווייטער באָראָכאָוו, שרייבן די געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור לאָזנדיק ביי דער זייט די דייטשע, סלאַווישע און די מאָדערנע אייראָפּעיִשע איינפלוסן, אָבער שרייבן די געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור נישט האָבנדיק אין זינען די העברעיִשע קוואַלן און איינפלוסן איז אוממעגלעך.

אין באָראָכאָווס צייטן איז נאָך נישט געווען קיין געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור. געשריבן איז נאָך דאַן געווען די ייִנגסטע עפּאָכע אָנגעהויבן פון דער השכלה־צייט אין דער „היסטאָרי אָוו דהע ייִדדיש לי־טעראַטשור אין דהע ניינטין סענטשורי" פון לעאָ ווינער. די אַרבעט אָבער פון לעאָ ווינער ליידט פון דעם וואָס זי גיט נישט אָן די קוואַלן און די וואָרצלען פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

די עלטערע צייט (דאָס וואָס עס איז אונטערן „א") איז לגמרי אַ פאַר־וואָרלאָזט פעלד, שרייבט באָראָכאָוו; אויף דעם געביט האָט עפּעס אויפגעטון משה שטיינשניידער (1816—1901). ער האָט פאַרבראַכט אין ביבליאָטעק זיבעציק יאָר, זוכנדיק העברעיִשע דרוק־ספרים און כתבי־יד. ווען אים איז אונטערן האַנט אונטערגעקומען ביכער געשריבן אין ייִדיש, האָט ער זיי פאַרצייכנט. פון אים האָט מען זיך דערוווּסט, אַז עס געפינט זיך אַן אַלטע און רייכע ליטעראַטור אין ייִדיש. זיין אויפטו איז אָבער געווען אַ ביבליאָ־גראַפישער. ער האָט זיך נישט אינטערעסירט מיט דער ליטעראַרישער זייט פון די ביכער — מיט זייער אינהאַלט און שפּראַך, און האָט נאָר אָנגעגעבן די מחברים, די אַרויסגעבער, די דאַטן אד"גל (באָראָכאָוו האָט טאַקע עס באַנוצט אין זיין „ביבליאָטעק פון ייִדישן פילאָלאָג" — זע אַנטשפּרעכנדן קאַפּיטל).

שטיינשניידערס אַרבעט האָבן אויסגענוצט אַ ריי מחברים פון „גע־שיכטעס" ווי גוסטאַוו קאַרפּעלעס, ד"ר מ. פינעס (וועגן וועמען מיר שרייבן אין קאַפּיטל „באָראָכאָוו דער פילאָלאָג") באָראָכאָוו דערציילט וועגן קאָמי־שע קוריאָזן, וואָס זענען אויפגעקומען פון דעם וואָס מ'האָט זיך פאַררופן אויף שטיינשניידערן און אַליין נישט געשטודירט די ביכער גופא.

אין די לעצטע יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט האָבן יוסף פּערלעס, מאיר גרינבוים און פעליקס פאַלק געמאַכט ערנסטע און געוויסנהאַפטע היסטאָ־רישע פאָרשונגען פון דער ייִדישער ליטעראַטור. זיי האָבן שטודירט די אַלטע ספרים און כתבי־יד און האָבן זיך באַנוצט מיט אַ ריי ביבליאָטעקן אין אייראָפּע און אַמעריקע ווי מינכען, פּאַריז, האַמבורג, בערלין, פּעטער־בורג, ניו־יאָרק, קעמברידזש און אַנדערע שטעט. זיי האָבן גענישטערט אין ביבליאָטעקן פון פאַרוואָרפענע קליינע שטעט. זייערע אַרבעטן זענען אָבער נישט פאַרענדיקט געוואָרן און באָראָכאָוו שרייבט, אַז ער האָט געמוזט ווײַ־

טער באַזוכן פיל ביבליאָטעקן, כדי אויסצוגעפינען, אונטערזוכן און קאָפּירן דאָרטן אַלטע יידישע דרוק־ספרים און כתבי־יד.

באָראָכאָוו שרייבט, אַז ס'איז שווער צו זאָגן ווי אַלט איז די יידישע (יידיש־טייטשע) שפּראַך און די יידישע ליטעראַטור. נאָך אַ ריי איבער־צייגנדיקע באַווייזן קומט ער צום אויספיר, אַז מען קען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז די יידישע ליטעראַטור איז אַלט נישט ווייניקער ווי זעקס־זיבן הונ־דערט יאָר.

III

די יידישע ליטעראַטור איז אַנטשטאַנען איידער דאָס דרוקן ביכער איז דערפינדן געוואָרן. דעריבער זענען די ערשטע דאָקומענטן אין האַנט־שריפטלעכער פאָרעם.

דער ווינער אַרכעאָלאָג געאָרג צאַפּערט (געלעבט אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט — מ. מ.) האָט אין זיין באַזיץ געהאַט אויף פּאַרמעט אַן אַלט דייטשיש וויג־ליד. דער פראַגמענט האָט אַנטהאַלטן סך־הכל 5 שורות געשריבן מיט לאַטייניש אותיות, נאָר אָנשטאָט די לאַטיי־נישע וואָקאַלן שטייען דאָרטן העברעיִשע נקודות פון אויבן. פון אָנהייב פונעם ליד זענען צוגעגעבן עטלעכע ווערטער אין העברעיִש און אויך דאָ שטייען די נקודות איבער די אותיות, לויטן גאָר אַלטן שטייגער. דאָס אַלטע ליד איז געשריבן אין דעם אַלט־דייטש. צאַפּערט האָט שוין זיכערע סמנים אַרויסגעדרונגען, אַז דאָס ליד שטאַמט פון יענע אוראַלטע צייטן ווען די דייטשן זענען נאָך געווען געצנדינער. (העכער טויזנט יאָר צוריק). אין דער מאָדערנער יידישער שפּראַך לויטעט דאָס ליד כהאי לשנא:

מיין ליבער, שלאָף געשווינד
הער זשע אויף צו וויינען
טריווא *) וועט דיר קרעפטיקן באַשיצן
פון דעם ווערגענדיקן וואָלף.
שלאָף־זשע ביז אין דער פרי
דו געטרייעס קינד פון מיין מאַן:
אסטרא *) וועט דעם קינד ברענגען

משה מעגאַכאָווסקי

האָניק און אייער זיסע
בלומען בלויע רויטע.
צאנפאנא *) וועט מאָרגן שיקן
ווייסע קליינע שעפסעלעך,
און דער מעכטיקער האַר איין־אויגע *)
האַרטע געשווינדע שפּיזן.

דאָס ליד, זאָגט באָראָכאָוו, הגם דורך און דורך ניִשט ייִדיש, דער־מאָנט עס זיין גרונד־געדאַנק אָן דאָס פאָלקס־ליד „אונטער מיין ייִנגעלעס וויגעלע״.

געדענקען מוז מען, זאָגט באָראָכאָוו, אַז צו יענער צייט זענען די דייטשע ייִדן געווען מער פאַרוואָקסן מיט דער ערד און מיט דער נאַטור, און ווייטער פון תורה און מסחר ווי זייערע אייניקלעך אין פוילן. ער צע־שלאָגט די השערות, אַז דאָס ליד איז אַן אויסגעטראַכטס פון צאפּערטן.

אין דער מיטלעלטערלעכער דייטשער פּאָעזיע שפּילן די מינעזינגער — די וואָס פלעגן אין לוסטיקע פערזען באַזינגען ליבעס־לידער — אַ גרויסן אָנזען. צווישן די מינעזינגער האָט זיך געפונען אַ ייִד זיסקינד פון טרימ־בערג. אברהם וועוויארקע — אַן אָנגעזעענער ליטעראַטור־פאָרשער אויף וועמען ב. באָראָכאָוו פאַררופט זיך טאַקע — שרייבט וועגן זיסקינדן בזה הלשון: „ווי אַ לעגענדע קלינגט עס, ווי אַ געשיכטלעכער רעטעניש — אין דער ערגסטער און טונקלסטער צייט פון דייטשן ייִדנטום. אין סוף פון צוועלפטן און אָנהייב פון דרייצנטן יאָרהונדערט ווען אַרום די דייטשע ייִדן האָט געווילדעוועט דער בלוטיקער טאַנץ פון די קרייץ־ציגער, וועלכע האָבן גאַנצע ייִדישע קהילות מיט פייער און וואַסער געמשפּט און אינעווייניק אין ייִדנטום האָט געפינצטערט די גרעבסטע אומוויסנקייט ווי ווען אַמאָל אין דער ייִדישער געשיכטע — אָט אין יענער צייט האָט אין טרימבערג, אַ שטעטל נעבן ווירצבורג, ביים ברעג פון דער פראַנקישער זאַאַלע, געלעבט אַ ייִד זיסקינד, וועלכער האָט אנטייל גענומען אין דער שאַפונג פון דער דעמאָלסט אויפשפּראָצנדיקער מיטל־הויך דייטשער פּאָעזיע, און געווען איי־

---

*) טריוואַ, אסטראַ, צאנפאנא, איין־אויגע, זענען אַלטע גערמאַנישע געטער.

נער פון די באַרימטע הויפּישע „מינעזינגער" („ליטעראַטור און לעבן", נומ' 4, אַפּריל 1915). אברהם וועוויאַרקע באַמערקט אָבער, אַז אין זיין דיכטונג פעלט די עראָטיק וואָס איז דער הויפּט סימן־מובהק פון די מינעזינגער־פּאָעזיע. ער — זיסקינד — באַזינגט די גרויסקייט פון געדאַנק, וואָס פאָרט זיך נישט מיט עראָטיק. ער ברענגט אַ ציטאַט פון זיינס אַ ליד:

„נישט דעם חכם, נישט דעם נאַר קען מען דעם געדאַנק פאַרווערן...
העכער פאַר דעם העכסטן אָדלער דער געדאַנק אין לופטן פליט".

זיסקינד האָט נאָר געלעבט אין דער חברותא פון די מינעזינגער, איז אָבער געגאַנגען זיין וועג. זיסקינדס געליבטע איז נישט יעדע מיידל, נאָר אייביקע שיינקייט און ער זינגט, זיך ווענדנדיק צו גאָט:

„לייכט אונדז מיט דעם טאָג און פינצטער מיט דער נאַכט
זאָל דיין שיינקייט אייביק, אייביק דויערן,
גאָט דו האָסט דאָך פיל — אַ שפע שיינקייט שיק,
וואָס קיינמאָל ניט פאַרגייט".

פון דעם זיסקינד שטאַמט אַ צאָל יידישע לידער.

מיט דער אַנטשטייאונג פון דער באַרימטער פראַנצייזישער פּאָעמע „פּאַרציפאַל" איז פאַרבונדן דער ייִד שמשון פינע, וועלכער האָט דעם פראַנצויזישן אָריגינאַל איבערגעזעצט אין דייטש. ווי ס'ווייזט זיך אַרויס פון באָראָכאָווס פאָרשונג איז שמשון פינע געווען נאָר אַ ייִד ביים נאָמען, וואָס האָט געשאַפן אין דייטש פאַר דייטשן.

באָראָכאָוו דערציילט, אַז ד"ר משה גאַסטער, דער געוועזענער אויבער־ראַבינער פון דער ספרדישער קהילה אין לאָנדאָן, וועלכער האָט פאַרמאָגט זייער אַ רייכע פּריוואַטע ביבליאָטעק האָט אים, באָראָכאָוון, באַוויזן אַן אינ־טערעסאַנטן העברעיִש־יידישן כתב־יד „ס'רפואות". דאָס איז אַ גאָר אַלטע האַנטשריפט אויף פאַרמעט, אפשר דער עלטסטער פאַרמעטענער ספר מיט יידיש־טייטשע טעקסטן. לויט אַלע סמנים געהערט ער צום צוועלפטן אָדער דרייצנטן יאָרהונדערט.

באָראָכאָוו ברענגט אַ פּאָר פון אַ סך מאַגישע רפואות און אָפּשפּרעכע־נישן, וואָס ווערן דאָרט געבראַכט.

איינע פון זיי לייענט זיך אין דער מאָדערנער יידישער שפראַך אַזוי:
„דאָס איז דער שאָרם (אַזוי הייסט ביי יידן פון דייטשלאַנד אַן אָפּ־שפּרעכעניש), דאָס הייסט, השבעה צו היילן אַלע ווונדן. זאָל (דער קראַנקער) זאָגן בזה הלשון זעקס מאָל: בשם ה׳ אלהי ישראל, איך באַשווער דיך, ווונד, ביי דער לבנה אין הימל און ביי דער זון אין הימל, ביי הימל און ערד, און ביי ניין דורות, און ביי ניין ספרי תורות, און ביי ניין מלאכים, און ביי ניין גלגלים, און ביי ניין שרפים, און ביי ניין כוואַליעס פון ים; און דו זאָגסט: ווילדע פלייש, אָדער פוילע פלייש, אָדער אָדערן אָדער פעל, אַז קיין פוי־לעניש זאָל דאָ נישט ווערן, און זאָל געהיילט ווערן, געהיילט; אַזוי זאָל עס זיין וואָר כשם ה׳ אלהי ישראל, אָמן״.

דער דאָזיקער „שאָרם״ דערציילט באָראָכאָוו איז אַזש פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן קיין ליטע אין זיינע צייטן. ש. אַנ—סקי אין דער „יעווריעיסקאַיאַ סטארינא״ פון 1909 טיילט מיט ווענן אַן אָפּשפּרעכעניש וואָס מ׳האָט אים צוגעשיקט פון וויטעבסק:

„אָקעגען אַלע קראַנקהייטען בשם אלהי ישראל. שיק מיר דיין מלאך רפאל, דאָס ער זאָל היילען פלוני בן פלוני פון אַלע זיינע קראַנקהייטען און ווייטאָג עס זיי וואָס פאַר איין קראַנקהייט עס איז דאָ. באַשווער איך ביי דעם אַלמעכטיקען גאָט יתברך שמו און ביי אַלע זיינע געבאָט, ביי דער זון און דער לבנה און ביי די מלאכים, די דאָ וואָהנען אין הימעל; ביי אונזערן הער גאָט, און ביי די שטערען, וואָס זיינען אין הימעל, און ביי ניין דורות און ניין ספרי תורות און ביי די צעהן געבאָט און ביי די צעהן אופנים און אַזוי ווייטער״.

ס׳לאָזט זיך, זאָגט באָראָכאָוו, פילן, אַז אין אַלע יידישע פאָלקס־שאַפונגען פון יענער צייט איז די דייטשע השפעה פיל מער ווי די העברעישע. מיט דער צייט אָבער האָט זיך דער העברעישער איינפלוס פאַרשטאַרקט. צום באַדויערן שטעלט באָראָכאָוו פעסט, אַז עס איז שווער צונויפצושטעלן אַ גענוי בילד פון דער אורגעשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור. די קומענדיקע פאָרשער, לאָמיר האָפן, זאָגט ער, וועט זיך איינגעבן אויסצוגעפינען מער מאַטעריאַל, וועלכע ווערן פון אים געבראַכט און דערביי שטרייכט ער אונטער, אַז זיי ווערן געבראַכט צום ערשטן מאָל.

אַ באַזונדער קאַפּיטל פון זיין „געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַ־

טור" ווידמעט באָראָכאָוו דער אַלטער ייִדישער שפּראַך. דער דאָזיקער ענין קען אינטערעסירן נאָר ספּעציאַליסטן און מיר וועלן זיך באַנוגענען נאָר מיט אייניקע באַמערקונגען:

באָראָכאָוו שרייבט, אַז מיט פיר־זעקס הונדערט יאָר צוריק האָט זיך די דייטשע שפּראַך פון אונדזערע כתב־ידן און דרוק־ספרים ווייניק־וואָס אויסגעטיילט פון דער דעמאָלטדיקער דייטשער שפּראַך. דעם וויכטיקן חלק, וואָס האָט שוין דעמאָלט אויסגעשיידט ייִדיש פון ריינעם דייטש, פלעגן אויסמאַכן די לשון קודשדיקע ווערטער וואָס באַגעגענען זיך אַזוי אָפט אין די אַלטע ייִדיש־דייטשע דאָקומענטן. מיט דער צייט האָט זיך די צאָל פון לשון קודשדיקע ווערטער, וואָס ייִדן פלעגן געברויכן אין זייער שפּראַך, נאָך שטאַרק פאַרגרעסערט".

דער צווייטער חילוק איז באַשטאַנען אין אייניקע ראָמאַנישע און (אין פּוילן און באָהעמיע) סלאַווישע ווערטער, ווי „שאָרם" (השבעה), „ארען" (דאַווענען), „פּילצעל" (מיידל), „כאָטשע" (הגם) אד"גל.

אויסער דעם פלעגן די ייִדן אַרויסרעדן די דייטשע קלאַנגען אַנדערש ווי זייערע שכנים. דאָס הייסט, זיי האָבן דעם קלאַנג פון די דייטשע ווערטער אַריינגעפּאַסט אין דעם אַלגעמיינעם קלאַנג פון ייִדיש. דאָ ברענגט באָראָכאָוו אויף גאַנצע אַכט זייטן ביישפּילן ווי אַזוי די אויסלייגעכץ איז אין פאַרשייי־דענע געגנטן געווען פאַרשיידן: למשל דאָס וואָרט „פרוי" האָט מען אויס־געלייגט ברוייא, פרויא, ורוייא, ורויי, וורויי, אד"גל.

ער ברענגט ביישפּילן ווי אַזוי פיל אותיות פון א"ב האָט מען אַנדערש באַנוצט אין פאַרשיידענע געגנטן.

אונטערן איינפלוס פון העברעיִש פלעגן די אַלט־ייִדישע שרייבער אַרויסלאָזן די וואָקאַלן: שרייבן „ברימן" אנשטאָט „באַרימען" אד"גל.

IV

דאָס געשריבענע ביז איצט פאַררעכנט באָראָכאָוו אַלס אַ הקדמה, אַלס אַ פילאָלאָגיש־אַרכעאָלאָגישע איינלייטונג. ערשט טרעט ער צו צו דער ליטעראַטור געשיכטע אין אייגנטלעכן זין פון דאָס וואָרט און ער צעטיילט די געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין פינף עפּאָכן:

ערשטע: די קלאַסישע עפּאָכע פון דער אַלט־יידישער ליטעראַטור, וואָס הייבט זיך אָן אין אָנפאַנג פון 16טן יאָרהונדערט און ציט זיך אין משך פון 200 יאָר ביז דעם סוף פון 17טן יאָרהונדערט.

די דאָזיקע עפּאָכע רופט באָראָכאָוו אָן „קלאַסיש", ווייל אין איר זענען געשאַפן געוואָרן די בעסטע און שענסטע ווערק פון אונדזער אַלטער פאָלקס־ליטעראַטור. די 200 יאָר בילדן בלי־ספק די גאָלדענע עפּאָכע פון דער אַל־טער יידישער ליטעראַטור. די ערשטע קלאַסישע ווערק זענען געשאַפן גע־וואָרן אין איטאַליע. פאַרוואָס איטאַליע און נישט דייטשלאַנד, — ווייל אין איטאַליע האָבן געלעבט גרויסע קהילות דייטשע יידן, וואָס האָבן אַהין אַרויסגעוואַנדערט.

דער צווייטער צענטער פון דער אַלט־יידישער ליטעראַטור איז געווען פוילן, ווייל אויך דאָרטן האָבן זיך געפונען דייטשע איינגעוואַנדערטע יידן.

די ערשטע יידישע קלאַסיקער זענען ר' אליהו בחור אין פּאַדואַ און ר' משה בן מרדכי אין ברושיא (ביידע שטעט אין איטאַליע). דאָס באַליבטע ספרל פון אונדזערע באָבעס „די בבא מעשה" איז געשאַפן געוואָרן פון אליהו בחור. די ערשטע קלאַסישע פאַרלעגער און מחברים פון די בעסטע יידישע ספרים ווי „שמואל בוך", „ספר מידות", „יוסיפון" זענען דייטשע יידן וואָס האָבן געלעבט אין איטאַליע. ערשט אין ערשטן העלפט פון 16טן יאָרהונדערט קערט זיך אום די יידיש־ליטעראַרישע שאַפונג קיין דייטש־לאַנד. דאָס „מעשה־בוך", „צאינה וראינה" און אַ סך אַנדערע ווערק שטאַ־מען פון דייטשן צענטער.

(די וואָס האָבן אַן אינטערעס זיך צו באַקענען מער גענוי מיט דער עפּאָכע, קענען עס געפינען אין באַנד יידן ג' פון דער „אַלגעמיינער ענציק־לאָפּעדיע" אין דער אויסשעפּנדיקער אַרבעט פון נ. ב. מינקאָוו — אַלט־יידישע ליטעראַטור. אגב, אין נ. ב. מינקאָווס ביבליאָגראַפיע צו זיין אַרבעט גיט ער נישט אָן באָראָכאָווס „די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור" — מ. מ.).

באָראָכאָוו שטעלט די פראַגע מיט וואָס דערקלערט זיך עס וואָס דער אָנהייב פון דער יידישער ליטעראַטור פאַלט אויס נישט אין דייטשלאַנד — דאָס געבוירנאָרט פון יידיש, נאָר אין די איינוואַנדערונגס־לענדער, און ער ענטפערט, אַז די אויסוואַנדערער זענען געווײנלעך מער ענערגישע נאַטורן

ווי די וואָס זיצן אין דער היים. ער באַשטעטיקט זײַן טעזע מיט דעם וואָס אויך אין אונדזער צייט זענען די ווערק פון מענדעלע, לינעצקי, גאָלדפאַדען, שלום עליכם ווי אויך די פּרעסע, צוערשט אַנטשטאַנען נישט אין פּוילן און ליטע, וווּ ס'האָבן געוווינט די ברייטע יידישע מאַסן, נאָר דווקא אין דרום־רוסלאַנד און אַמעריקע צווישן די אויסגעוואַנדערטע ליטוויש־פּוילישע יידן. שפּעטער צו ווערט עס אַריבערגעטראַגן קיין פּוילן און ליטע, וווּ עס שאַפן י. ל. פּרץ, ה. ד. נאָמבערג, שלום אַש א״אַ.

די קלאַסישע עפּאָכע פון דער יידישער ליטעראַטור דאַרף פאַררעכנט ווערן צום דייטשן יידנטום.

די צווייטע עפּאָכע איז די ירידה פון דער אַלט־יידישער ליטעראַטור. די דאָזיקע עפּאָכע, זאָגט באָראָכאָוו, דויערט כמעט דאָס גאַנצע אַכצנטע יאָרהונדערט. די יידישע אינטעליגענץ איז אַסימילירט. די יידישע מאַסן לעבן אין אומוויסנהייט. דער אַסימילאַציע פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ הונדערט יאָר פאַר משה מענדעלסאָן. די אָפיציעלע השכלה האָט דעם פּראָצעס פאַרענדיקט. די יידישע גאַס ווערט פאַרפלייצט מיט ביליקע און געשמאַקלאָזע מוכר־ספרים ביכלעך.

איז ב. באָראָכאָוו געווען אין זײַן אָפּשאַצונג בנוגע דער השכלה־באַוועגונג? איז דען נישט די השכלה־באַוועגונג געווען די פאַרויסגייערן פון דעם מאָדערנעם יידישן געדאַנק? אין דער השכלה־באַוועגונג זענען זיכער געווען נעגאַטיווע מאָמענטן אָבער אויך פּאָזיטיווע. וועגן דעם זאָגט באָראָ־כאָוו אַליין אין זײַן אַרבעט „די אַנטי־ציוניסטישע קאָנצענטראַציע״: „די השכלה האָט געהאַט גרויסע פאַרדינסטן ביים יידישן פאָלק און זי טאַקע האָט אָפּ־גערייניקט דעם באָדן פאַר די שפּעטערדיקע וועלטלעכע באַוועגונגען אין יידנטום״.

צו דער דריטער עפּאָכע געהערט די צייט פון אויפשטייג פון חסידיזם. די יידישע קהילות פון פראַנקפורט, פּראַג, אַמסטערדאַם, וואָס יעדע איינע פון זיי איז געווען אַן עיר ואם בישראל, האָבן אָנגעהויבן איינדאַרן; די קהילות וואָס האָבן פריִער געגעבן חיות אונדזערע פּוילישע און ליטווישע זיידעס האָבן אויפגעהערט צו שפּילן אַ ראָל אינעם יידישן לעבן.

איז געקומען די חסידישע באַוועגונג און האָט אַריינגעטראָגן לעבן אין די שטעט און שטעטלעך פון די יידישע ישובים אין די סלאַווישע לענדער.

צו דער פערטער עפּאָכע געהערט די משכּילישע פאָלקס־ליטעראַטור.
אין דער פינפטער עפּאָכע שפּראָצט אַרויס די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור, אָנהייבנדיק פון מענדעלע מוכר־ספרים.

V

ביי די אומות העולם איז איינגעשטעלט אָנצוהייבן די ליטעראַטור־געשיכטע פון פאָלקלאָר, ווייל דאָס קינסטלערישע און געשריבענע וואָרט שטאַמט געוויינלעך אָפּ פון דער אוראַלטער קאָלעקטיווער פאָלקס־שאַפונג. „דעם היסטאָריקערס אויפגאַבע איז צו באַווייזן ווי אַזוי די גאָלדענע פאָדעם פון קונסט ציִען זיך ווייט איבער עבר צו די אוצרות פון פאָלקס־שאַפונג".

ביי די יידן איז די לאַגע אַנדערש. אונדזער לשון קודשדיקער ספר איז אַ סך עלטער פון אונדזער גלותדיקער מאַמע־לשון יידיש. שאַפן מיר דעריבער אונדזער פאָלקלאָר פון איין זייט פון דער אגדתא און מדרש און פון דער אַנדערער זייט פון דעם פאָלקלאָר פון די אַרומיקע פעלקער. בעת ביי אַנדערע פעלקער בילדעט דער פאָלקלאָר דעם אורקוואַל, דעם אורברונעם פון דער קונסט, פון בוך, איז ביי אונדז פאַרקערט, דאָס בוך איז על פּי רוב דער אורקוואַל פון פאָלקסטימלעכן שאַפן".

דאָס איז איין טעם פאַרוואָס מיר קענען נישט אָנהייבן אונדזער ליטעראַטור־געשיכטע מיטן פאָלקלאָר.

דער צווייטער טעם פון נישט קענען אָנהייבן אונדזער ליטעראַטור־געשיכטע מיט פאָלקלאָר באַשטייט אין דעם, וואָס ביי אונדז האָט מען מיט ליבשאַפט געזאַמלט בלויז די העברעיִשע דיכטונג, און די פּאָעזיע אין מאַמע־לשון איז אינגאַנצן אָפּגעלאָזט געוואָרן. ביי אַנדערע פעלקער האָט אַזעלכעס, צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות, נישט געקענט זיין.

וואָס עס איז יאָ געזאַמלט געוואָרן, דאָס זענען סגולות און רפואות. דאָס קען ברענגען נוצן. „אַ סגולה צו קאָפּ־ווייטיק, צו קדחת, צו גנבות, אַן אַפּשפּרעכעניש פון אַן עין הרע, אַ רעצעפּט קעגן אומגליקלעכער ליבשאַפט, אַ קמיע, אַ שיר המעלות קעגן לילית דער מכשפה, זאָל נישט שאַטן דער קימפּעטאָרן אָדער דעם ניי־געבוירענעם קינד", און פאַרשרייבן פלעגט מען עס אין אַן אַלטן ספר, אויף אַ שטיקל פּאַרמעט.

מען האָט אַפילו עס אָפּגעדרוקט אויף לשון קודש אין אַ בוך־פאָרעם — אַ „ספר סגולות ורפואות“.

דאָ דערציילט באָראָכאָוו אַן אינטערעסאַנטע זאַך: „צווישן די פאַרשיי־דענע געצנדינערישע מנהגים, וואָס די ייִדן האָבן איבערגענומען פון די דייטשן, פאַרנעמט אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ די צערעמאָניע פון „האָלעקרייש“.

נאָך אין באַרימטן „ספר חסידים“ פון יהודה חסיד פון דרייצנטן יאָר־הונדערט דערציילט זיך וועגן אַן אינטערעסאַנטן מנהג: ווען ס׳פלעגט גע־בוירן ווערן אַ קינד ביי ייִדישע עלטערן, פלעגן זיך דעם קומענדיקן שבת אויפקלייבן קינדער פון דער גאַנצער קהילה, אויפהייבן דאָס ניי־געבוירענע קינד צוזאַמען מיטן וויגעלע דריי מאָל און דערביי אויסשרייען: „האָלעק רייש, האָלעק רייש, ווי זאָל דאָס קינדעלע הייסן?“. דערביי פלעגט מען דאָס קינד געבן אַ דייטשן נאָמען: בער, וואָלף, לייב, פריידל, בלומע אד״גל. אויב דאָס קינד איז געווען אַ ייִנגל, פלעגט מען אים אונטערן קישן אַנידערלייגן דעם ספר ויקרא. דער נאָמען וועלכן דאָס קינד פלעגט קריגן אויף אַזאַ אופן, האָט געהייסט „שם העריסה“ (דאָס הייסט, דאָס וויגעלע נאָמען). אין שול פלעגט דער חזן מאַכן אַ „מי שברך אויף דער מוטער און דעם קינד“.

אין יענער צייט זענען אין די טייטשטעך אַנטשטאַנען לעגענדעס און וואונדער־מעשיות מיט שדים, מלאכים, הייליקע צדיקים, שווידערלעכע רשעים אד״גל. צום באַדויערן האָט מען די לעגענדעס און וואונדער־מעשיות נישט געזאַמלט און אין גרעסטנטייל זענען זיי לחלוטין פאַר אונדז פאַרלאָרן גע־גאַנגען. אַ געוויסער טייל איז אַריין אין העברעיִשע און ייִדישע מוסר־ספרים. אין דעם באַליבטן „מעשה־בוך“ זענען פאַראַן אַ קליינע צאָל לעגענדעס.

דאָס פאָלק האָט באַפּוצט מיט לעגענדעס אַ גאַנצע ריי ייִדישע רבנים ווי, למשל, דער מהר״ל, אר״י, רמ״א, רבי אמנון אד״גל.

מיט דעם פאַרענדיקט באָראָכאָוו זיין סעריע אַרטיקלען אין „ליטעראַ־טור און לעבן“ פון 1915, און עס קומט אַ באַמערקונג „פאָרזעצונג קומט“. אין „ליטעראַטור און לעבן“ פון 1916 געפינען מיר מער נישט קיין אַרטיק־לען פון באָראָכאָוון, קיין המשך איז נישט געקומען.

VI

אין דער אַנטאָלאָגיע „פינף הונדערט יאָר יִדישע פּאָעזיע״, געזאַמלט און צונויפגעשטעלט פון מ. באַסין, געפינען מיר אַ פאָרוואָרט און לינגוויס־טישע אַנמערקונגען פון ב. באָראָכאָוו.

אין דעם פאָרוואָרט פאַרענדיקט באָראָכאָוו זיין אָנגעהויבענע אַרבעט וועגן דער יִדישער ליטעראַטור. צוליב דעם אָבער וואָס די פאָררעדע איז געווידמעט „פינף הונדערט יאָר יִדישע פּאָעזיע״, רעדט ער נאָר וועגן דער פּאָעזיע אויסלאָזנדיק די פּראָזע. צום באַדויערן איז פּאַקטיש באָראָכאָווס אַרבעט נישט פאַרענדיקט געוואָרן, ווי אַ גאַנצע ריי אַנדערע אַרבעטן, וועל־כע ער האָט אָנגעהויבן, אָדער זיך געגרייט אָנצוהייבן.

ער הייבט ווידער אָן אין דעם פאָרוואָרט מיט דער ערשטער עפּאָכע, אָנרופנדיק עס „די קלאַסישע צייט פון דער אַלט־יִדישער פּאָעזיע״ אנשטאָט „קלאַסישע צייט פון דער אַלט־יִדישער ליטעראַטור״. אין יענער צייט זענען געשאַפן געוואָרן אַזוינע גרויסע פּאָעמעס ווי דאָס „בבא בוך״, דאָס „שמואל בוך״, „די מגילת וינץ״, די מעשה פון „קיניג ארטיש הויף״ און אַ סברא, אַז אויך די גרויסע פּאַלקס־פּיעסן צום פּורים־שפּיל ווי „אַקטא אסתר אחש־ורוש״, „מכירת יוסף״ א״אַ. אין אָט דער קלאַסישער צייט האָט געהערשט דער דייטש־יִדישער דיאַלעקט, און די העגעמאָניע אין דער ליטעראַרישער שאַפונג האָט געהערט אינגאַנצן צו די דייטשע יִדן. די פּוילישע, טשעכישע און האָלענדישע יִדן האָבן געשפּילט די קנאַפּסטע ראָלע.

באָראָכאָוו שטרייכט אונטער, אַז דער טאָן און סטיל פון יענער קלאַ־סישער צייט האָבן זיך דערהויבן צו אַ גאַנץ הויכער מדרגה. ער ברענגט ביישפּילן פון אַ גאַנצע ריי לידער. אין אַלגעמיין אָבער איז די יִדישע מוזע אין יענער צייט נאָך זייער נאַיִוו, קינדיש און נישט אויסגעהאַלטן.

יענע עפּאָכע האָט אונדז אָבער געבראַכט אַלע פאָרמען און מינים פון פּאָעזיע: רעליגיעזע און וועלטלעכע, מאָראַליש־דידאַקטישע און ווילערישע, פרומע און עראָטישע, אָריגינעלע און איבערגעזעצטע.

צום צווייטן פּעריאָד גיט ער צו, אַז אין דער צייט ווערט פולשטענדיק אונטערגעגאַנגען די פּאָעזיע ביי די דייטשע יִדן: טאַלאַנטלאָזיקייט, אונמאַכט

און געשמאַקלאָזיקייט כאַראַקטעריזירן די איינצלנע „קלאָג־לידער״, חתונות, שפּאַט־לידער און סתם „נייע לידער״ פון אָט דעם פּעריאָד.

אין דעם דריטן — חסידישן פּעריאָד — וועלכער איז איבערהויפּט רייך מיט סימבאָלישע־ און וווּנדער־מעשיות, זענען דאָ פּאָלקסלידער, משכי־לישע פאָלקסלידער (שלמה עטינגער, אַקסנפעלד, יצחק־בער לעווינזאָן, א. מ. דיק א״אַ), בדחנישע פאָלקסלידער (בערל בראָדער, וועלוול זבארזשער, מיכל גאָרדאָן, אליקום צונזער א״אַ). ווי עס איז צו זען נעמט באָראָכאָוו דאָ אַריין אויך די פּערטע עפּאָכע.

צווערשט, שרײַבט באָראָכאָוו, איז די פּאָעזיע פון דער עפּאָכע אומבאַ־האָלפן און קינדיש, סיי אין אידייע, סיי אין פאַנטאַזיע. ביסלעכווייז דערהייבט זי זיך מער קינסטלעריש. מיכל גאָדראָן טיילט זיך אָבער אויס ווי אַ ריז פון צווישן אַלע דיכטער פון זיין צייט, זיין עלעגיע „מיין לעבנס־צייט״ גע־הערט צו די פּרעכטיקסטע מוסטערן פון דער יידישער פּאָעזיע אין אַלע צייטן.

צו דער פינפטער עפּאָכע פאַררעכנט ער:

א. די קלאַסישע דיכטער פון דער נייער יידישער פּאָעזיע: ש. פרוג, י. ל. פרץ, מאָריס ראָזענפעלד און די וואָס געהערן צו זייער צייט אָדער צו זייער שולע.

ב. די מאָדערנע עפּאָכע, וועלכע מען קען אָנהייבן רעכענען פון אברהם רייזען, ליעסין און יהואש.

ג. די „יונגע״ ווי י. ראָלניק, ה. ראָזענבלאַט, י. סלאָנים, מאַני לייב, מ. ל. האַלפּערין, זישע לאַנדוי אד״גל.

ד. די „באַוועגונגס״־פּאָעזיע, באָראָכאָוו מיינט מיט דעם די „ציוניס־טישע״ און „סאָציאַליסטישע״ דיכטונג. זיי האָבן נישט קיין גרויסן עסטע־טיש־ליטעראַרישן ווערט, אָבער זיי זענען וויכטיק פון קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט. צו זיי פאַררעכנט ער: מ. ווינטשעווסקי, עדלשטאַט, באָוושאָ־ווער, מ. ראָזענפעלד, ש. אַנ—סקי, י. פעלאָוויץ (מחבר פון דער פּועלי ציו־ניסטישער שבועה) א״אַ.

***

פון גרויסן ווערט זענען באָראָכאָווס לינגוויסטישע און ביבליאָגראַפישע באַמערקונגען צו די לידער פון בוך „א״ „פינף הונדערט יאָר יידישע פּאָ־

עזיע", אַזעלכע „באַמערקונגען" האָט באַראַכאָוו צו 18 לידער. אייניקע פון זיי פאַרנעמען מער ווי אַ זייט פון אַלבאָם פאָרמאַט. כדאַי צו ברענגען אַלס מוסטער איין „באַמערקונג".

„בבא בוך" פון אליהו לעוויטע (בחור) ז' 20.

(איינע פון די לידער אינעם בוך הייסט „בבא בוך" פון מחבר אליהו בחור). „דאָס „בבא בוך" (לייענט באווא בוך) איז אַן איבערזעצונג פון אי־טאַליענישן וואַריאַנט פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער לעגענדע, וועלכע האָט וואַריאַנטן ביי פאַרשיידענע פעלקער; צ"ב אין רוסיש די באַקאַנטע מעשה פון „באווא קאראלעוויטש" דאָס הייסט, באווא דער פרינץ; אין ענגליש דער אַמאָל זייער פאָפּולערער ראָמאַן „סער בעוויס אָף סמוטה־העמפּטאָן", נאָר די סאַמע ערשטע באקאנטע ווערסיע פון דער דאָזיקער לעגענדע איז די אַלט־גריכישע געשיכטע פונעם קיר אגאמעמנאן, וועלכער איז געהרגעט געוואָרן דורך אַן אינטריגע פון זיין פרוי קליטעמנעסטרא און איר געליבטן עגיסטהאס, און דערנאָך האָט אגאמעמנאנס און קליטעמנעסטראס זון אָרעס־טעס גענומען נקמה פון זיין מוטער און איר צווייטן מאַן. אויסער דעם אור־אַלטן גרונד־קערן פון בבא בוך פלעכטן זיך דאָרט אַדורך אַנדערע אַלטע לעגענדעס, צום ביישפּיל די דערציילונג פון אַ קיסר, וועלכער נעמט אויף דער עלטער אַ יונג מיידל, כדי צו דערוואַרעמען זיין פרירנדיקן לייב (אַזאַ לעגענדע איז פאַראַן אויך אין תנ"ך וועגן דוד המלך, מלכים א א') אַזוי ווי דאָס „בבא בוך" איז פאַרפאַסט געוואָרן אין איטאַליע באַגעגענען זיך אין אים אָפט איטאַליענישע ווערטער. דער אויסצוג איז ווירקלעך פון דער אויסגאַבע פון 1661 יאָר".

דאָ ברענגט באַראַכאָוו אייניקע שווערע זאַצן וואָס ער דערקלערט זיי אין אונדזער היינטיקן יידיש:

„אירגנט נאָך איינר יונגי וואַרמי הירן — נאָך וועלכער ביט איז יונגער וואַרעמער דאַמע".

„וואול אים ווער ער לענגר אַליין גילעגן" — הלוואי וואָלט ער לענגער אַליין געלעגן! (ווייל פון דער מיידל איז אים שפּעטער געקומען אַ גרויסער אומגליק).

מיר האָבן געבראַכט נאָר 2 שורות אַלס מוסטער, צו באַווייזן וואָס

באָראָכאָוו האָט אויפגעטון אויפצוקלערן די לידער פון די פאַרגאַנגענע דורות:

די דאָזיקע לינגוויסטישע און ביבליאָגראַפישע באַמערקונגען האָבן זייער אַ גרויסן קולטור־היסטאָרישן ווערט. זיי דערקלערן נישט נאָר די שווערע ווערטער אָדער זאַצן, נאָר זיי גיבן אַן אויפקלערונג וועגן ווערק גופא.

צום סוף ברענגט באָראָכאָוו אַ ווערטערבוך צו די לידער פון בוך א׳. דער ווערטערבוך איז קלאַסיפיצירט נישט לויטן ליד, נאָר לויטן א״ב און פאַרנעמט 11 געדיכט־געזעצטע זייטן און גאַנצע שורות מיט טויזנטער ווער־טער. דאָס איז זייער אַ גרויסער אויפטו פון באָראָכאָוו, ווייל דאָס גיט אַ מעגלעכקייט צו פאַרשטיין די הונדערטער לידער וואָס געפינען זיך אין דער אַנטאָלאָגיע. דער בוך א׳ פון דער אַנטאָלאָגיע נעמט אַריין לידער פון 1410 ביז 1800.

אַלס מוסטער פון יענעם ייִדיש ברענגען מיר אַ פּאָר שורות פון אַ שבת־ליד פון ר׳ זעלמעלין (ייִדיש־העברעיִשער שרייבער, געלעבט אין דער ערשטער העלפט פון 15טן יאָרהונדערט):

> זייטענשפּיל אונ׳ אלן לושט,
> די קעניג דוד ני גיוואושט,
> אונ׳ אנדר פראפעטן מעהר
> אונ׳ ווען די אל ווערן קינד
> אונ׳ ווער דרבולטן (דערפילט) זיינש הערצענס גרונד

די באַטייטונג פון די שווערע ווערטער לויט באָראָכאָווס ווערטער־בוך זענען:

זייטנשפּיל — דאָס שפּילן אויף סטרונעס, סטרונען מוזיק.
אונ׳ — און
אלן — (לייענען אלען) אַלעמען, אַלע
לושט — לוסט.

אַזוי געפינען מיר אויך די איבעריקע שווערע ווערטער.

מ. באַסין, דער מחבר פון דער אַנטאָלאָגיע דאַנקט דעריבער באָראָ־כאָוון מיט די ווערטער: „אַ באַזונדערן דאַנק בין איך שולדיק דעם ה׳ באָ־

ראַכאָוו, פאַר זיין שטענדיקער דערמוטיקונג אין צייט פון דער אַרבעט און פאַר די נייטיקע ליגגוויסטישע באַמערקונגען און אַלטע דערגענצונגען מיט וועלכע ער האָט באַזאָרגט די אַלטע לידער־אָפטיילונגען פון בוך א׳ אין דער אַנטאָלאָגיע״.

***

די פרץ ביבליאָגראַפיע

אין זיין ליבשאַפט צו דער יידישער ליטעראַטור האָט זיך באַראַכאָוו אויך פאַרנומען מיט ביבליאָגראַפיע. מיר שרייבן אין אַן אַנדער פּלאַץ וועגן דער „ביבליאָטעק פון יידישן פילאָלאָג״.

גלייך נאָך פרצעס טויט האָט באַראַכאָוו צונויפגעשטעלט אַ פרץ־ביבליאָגראַפיע. דאָס איז געווען „דער ערשטער פּרווו״ פון אַזאַ ביבליאָגראַפיע צוזאַמענצושטעלן און דערפאַר איז עס נישט קיין פולע. באַראַכאָוו אנערקענט עס אַליין. דאָך האָט זיך אים איינגעגעבן צוזאַמענצושטעלן 180 איינסן, וואָס צעטיילן זיך אויף פאָלגנדע קאַפּיטלען:

1. יצחק לייבוש פרצעס אייגענע שריפטן 47—1.
2. דאָס וואָס אַנדערע האָבן געשריבן וועגן פרצן, אַלס קינסטלער סיי אין יידיש, סיי אין העברעיש 94—48; 145—122.
3. פאַרשיידענע מאַטעריאַלן צו פרצעס ביאָגראַפיע און פערזענלעכער כאַראַקטעריסטיק 121—95; 148—146.
4. איבערזעצונגען פון פרצן אין אַנדערע שפּראַכן 180—149.

צום סוף פון דער ביבליאָגראַפיע האָט באַראַכאָוו צוגעגעבן אַן אַלפאַ־בעטישן אינדעקס פון די מחברים און די וויכטיקסטע איבערזעצער.

פון דער ביבליאָגראַפיע דערוויסן מיר זיך, אַז צו יענער צייט (גע־דרוקט אין מיי 1915, אין „ליטעראַטור און לעבן״) איז פרץ געווען איבער־געזעצט אין ענגליש, דייטש, פויליש און רוסיש.

די ביבליאָגראַפיע איז זיכער אַ גרויסער צושטייער צו דער פאָרשונג פון פרצן.

***

אַן אָפענער בריוו צו די „יונגע"

אין „ליטעראַטור און לעבן" פון נאָוועמבער 1915, ווענדט זיך באָראַ־כאָוו מיט אַן אָפענעם בריוו צו די „יונגע" און ווייזט זיי אָן זייערע פעלערן און דעם וועג אויף וועלכן זיי דאַרפן גיין.

באָראָכאָוו טרעט אַרויס קעגן די קעגנער פון די „יונגע", וועלכע זע־נען נישט אויפריכטיק. ס'איז נישט אמת, זאָגט ער, וואָס מען וואַרפט פאַר די „יונגע", אַז זיי האַלטן זיך פאַר איבערמענטשן, אַז זיי מאַכן אַן אָנשטעל. דאָס טוען שטענדיק אַלע אַלטע אין אַלע צייטן, קעגן אַלע נייע וואָס ווילן גיין אויף נייע וועגן.

די נייע צייט, זאָגט באָראָכאָוו, פאָדערט אַ נייע אויסדרוקס־פאָרעם: „די איבערגאַנגס־צייט פון יונגע שטעט, פאַרשנעלערטע פאַרקערס־מיטלען, געשפאַנטער און נישט גערעגלטער קאָנקורענץ, פון סאָציאַלער צעפאַלונג און תהו ובוהו האָט געבוירן אויך די איבערגאַנגס־פאָרמען פון קונסט: ראָ־מאַנטיק, רעאַליזם, סימבאָליזם, דעקאַדענץ. דער מענטש זעט זיך דאָך אַנ־דערש ווי אַמאָל! ער הערט אַנדערש, ער באַוועגט זיך אַנדערש, ער לעבט אַנדערש, מוז די קונסט אויך זיין אַן אַנדערע".

די „יונגע", זאָגט באָראָכאָוו, האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן „שטימונג". זיי מיינען, אַז דאָס איז דער ווינקלשטיין פון דער נייער קונסט. דאָס איז אָבער נישט אַזוי. שטימונגען זענען שטענדיק געווען, פון קדמונים אָן, גראָד היינט זענען זיי ווייניקער ווי אַמאָל. שטימונג איז ווייבלעך און אונדזער היינטיקע צייט איז אנשטרענגונג, רולאַזיקייט און במילא מענלעכקייט.

שטימונג קען זיין נאָר ווי אַ פּוץ־מיטל, אַן אָרנאַמענט פאַרן אינהאַלט. אינהאַלט גופא דאַרף זיין אָנשטרענגונג, שפּאַנונג. פּאָעזיע געוועבט פון בלויזע שטימונגען איז די לאַנגווייליקסטע נודעניש אויף דער וועלט.

אין אַ צווייטן מאָטיוו האָבן זיי זיך אָנגעכאַפּט — די אינדיווידואַליטעט. אָבער דערמיט ווערן זיי אָפּגעריסן פון טראַדיציע, פון נאַציאָנאַלער סביבה.

די „יונגע" פעלט: אַרבעט, וויסן, באַדן, שפּאָרעוודיקייט אין צייט, שפּאָרעוודיקייט אין רייד. נאָר פאַר אַלעמען און נאָך אַלעמען פעלט זיי זעלבסטקאָנטראָל.

דער נאָמען „יונגע" איז צו עפּעס מחייב. זיי ווילן זאָגן אַ „ניי וואָרט". אָבער זאָגן אַ ניי וואָרט דאַרף מען קענען; קינצלען זיי, חנדלען זיך און קיין ניי וואָרט איז עס נישט.

די נייע קונסט וועט נאָך קומען. די צייט פאָדערט עס. די „יונגע" מוזן פאַרשטיין, אַז זיי עקספּערימענטירן איצט. זאָלן זיי אַרבעטן איבער זיך, זאָלן זיי רעדן נאָר דאַן ווען זיי האָבן עפּעס וואָס צו זאָגן, דאַן וועט דאָס געזאָגטע זיך איינקריצן אין די מוחות פון די לעזער.

מאָנומענט פון ב. באָראָכאָוו אין משמר הנגב

מאָנומענט פון ב. באָראָכאָוו אין משמר הנגב

V

באָראָכאָווס פּלאַן פאַר אַ געשיכטע פון ייִדיש

אינעם ערשטן באַנד פון די פילאָלאָגישע שריפטן, אַרויסגעגעבן דורכן ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע, אינעם יאָר 1926, דערציילט אונדז ש. ניגער, אַז אין דעם יאָר 1913 האָט ער זיך געווענדעט צו באָראָכאָוון אינעם נאָמען פון „ווילנער פאַרלאַג“, אַז ער זאָל אָנשרייבן אַ בוך וועגן ייִדיש. אויף דעם האָט אים באָראָכאָוו געענטפערט, אַז ער אַרבעט שוין לאַנג אויף אַזאַ בוך און ער איז דעריבער געווען צופרידן וואָס ניגער איז געקומען צו אים מיט אַזאַ פאָרשלאַג. ער האָט אָבער שוועריקייטן ביי דער אַרבעט, ווייל אים פעלט נאָך באַשטימטע קענטענישן אין העברעיִש, אראמעיִש און רבניש לשון קודש, אַז אים פעלט נאָך די לעבעדיקע רייכקייט פון דער ייִדישער שפּראַך און אַ סך פּרטים פון אויסלייגן, און אויך די גראַמאַטישע און פילאָלאָגישע טערמינאָלאָגיע האָט זיך אים נאָך נישט איינגעגעבן צו פיקסירן מיט דער נייטיקער קאָנסעקווענץ.

באָראָכאָוו לייגט דעריבער פאָר ניגערן, אַז זיי זאָלן בשותפות, אונטערביידנס נאָמען, אַרויסגעבן אַזאַ בוך. ש. ניגער זאָל אָנשרייבן מיט דער מיטווירקונג פון באָראָכאָוון דעם טייל „ייִדישע שאַפונג“ און באָראָכאָוו זאָל אָנשרייבן מיט דער מיטווירקונג פון ניגערן דעם טייל „ייִדישע שפּראַך“. די גאַנצע אַרבעט וואָלט גיכער פאַרענדיקט געוואָרן, כדי בעת־מעשה זאָל נישט דערשיינען קיין עם־הארצישע אַרבעט פון אַזעלכע, וואָס האָבן נישט קיין וויסנשאַפטלעכע צוגרייטונג.

ש. ניגער האָט געענטפערט באָראָכאָוון, אַז ער פילט זיך נאָך נישט

גענוג צוגעגרייט צו אַזאַ אַרבעט און ער בעט באָראָכאָוון אים צוצושיקן זיין קאָנספּעקט, וואָס ער האָט דערמאָנט אין זיין בריוו.

באָראָכאָוו האָט ניגערס בקשה דערפילט און ניגער שרייבט, אַז פון דעם קאָנספּעקט קען מען זען וואָס פאַר אַ גרויס וויכטיק וויסנשאַפטלעך ווערק באָראָכאָוו האָט זיך געגרייט אַרויסצוגעבן, נאָר צום אומגליק איז אים נישט באַשערט געווען דאָס ווערק אָנצושרייבן.

דערביי באַמערקט ניגער, אַז דער קאָנספּעקט איז געשריבן געוואָרן איידער באָראָכאָוו האָט געמאַכט זיינע שטודיעס אין בריטישן מוזעאום און אין אייניקע אנדערע אייראָפּעיִשע ביבליאָטעקן, ווו ער האָט אויפגעקליבן זייער פיל רייכע מאַטעריאַלן פאַר דער געשיכטע פון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור.

צוליב דעם גרויסן ווערט פון קאָנספּעקט, וואָס באַווייזט דעם פאַרנעם פון דעם געפּלאַנטן ווערק פאַר דער געשיכטע פון ייִדיש, און גרויסן וויסן פון דעם אַזוי יונגן גאון ב. באָראָכאָוו, גיבן מיר אים אין זיין אָריגינאַל, נאָר מיט דער היינטיקער אָרטאָגראַפיע, הגם זי אונטערשיידט זיך נישט אויף קיין סך פון דער וואָס מיר באַנוצן היינט. (באָראָכאָוו שרייבט „אַף״ אנשטאָט אויף; „ייִר״ אנשטאָט איר; „מיגלאַך״ אנשטאָט מעגלעך; „אייגנט־טימלאַכקייטן״ אַנשטאָט אייגנטימלעכקייטן. דער לייענער וועט שוין האָבן אַ באַגריף אין וואָס ס׳האָט זיך אונטערשיידט זיין אָרטאָגראַפיע פון דער אָרטאָגראַפיע וואָס מען האָט גענוצט אין יענער צייט [1913] און ווי נאָענט זי איז צו דער היינטיקער.)

הקדמה

א. די פילשפּראַכיקייט פונעם ייִדישן פאָלק. די ייִדישע פאָלקס־ און ליטעראַטור־שפּראַכן אין פאַרשיידענע צייטן. דער היסטאָרישער און נישט־היסטאָרישער קוק אויף די ייִדישע שפּראַכן. דאָס סעמיטישע און נישט־סעמיטישע אין די ייִדישע שפּראַכן. די פאַרייִדישונג פון פרעמדע שפּראַך־עלעמענטן. די שפּראַך־בילדנדיקע קרעפטן (אינעווייניקע און אויסנווייניקע) ביים ייִדישן פאָלק. די אַלגעמיינע אייגנטימלעכקייטן פון די ייִדישע שפּראַכן.

ב. געמישטע שפּראַכן בכלל. העברעיִש אַלס געמישטע שפּראַך. העב־

רעיִש פון היסטאָרישן אַנטוויקלונגס־שטאַנדפּונקט (אַלט־ און ניי־העברעיִש, אַראַמיש, לשון קודש), יידיש־טייטש פון היסטאָרישן אַנטוויקלונגס־שטאַנד־פּונקט.

ג. טערמינאָלאָגישע באַמערקונגען. דער נאָמען פון דער ייִדישער שפּראַך; די געשיכטע פון אירע נעמען. אירע נעמען אין יידיש און אין אַנדערע שפּראַכן. די סאָציאַל־־פּסיכאָלאָגישע באַטייטונג און טענדענץ פון די דאָזיקע נעמען. די געשיכטע און קריטיק פונעם נאָמען „זשאַרגאָן". די נעמען פון אַנדערע יידישע פאָלקס־שפּראַכן.

ד. די געאָגראַפישע פאַרשפּרייטונג פון דער יידישער שפּראַך אינעם עבר און הוה. די סטאַטיסטיק פון די יידיש־ און נישט־יידיש־ריידנדיקע יידן (אויב מעגלעך — מיט אַ קאַרטע פון די יידישע פאָלקס־שפּראַכן).

ה. אַן איבערבליק איבער דער געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך־פאָרשונג. איר היינטיקער מצב. די אויפגאַבע פון דער יידישער שפּראַך־פאָרשונג. יידישע לינגוויסטיק אַלס אַ טייל פון דער יידישער פילאָלאָגיע. דער באַגריף און פאַרנעם פון דער יידישער פילאָלאָגיע (שפּראַך־פאָרשונג, פאָלקלאָר און ליטעראַטור־פאָרשונג, יידיש־טייטשע אַרכעאָלאָגיע, קולטור־און קונסט־געשיכטע). די אידעאַלן פון דער יידישער פילאָלאָגיע.

א. די געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך

1. די אַנטשטייאונג און דער עלטער פון דער יידיש־טייטשער שפּראַך, די עלטסטע דאָקומענטן אין יידיש־טייטש.

2. די שטרייט־פראַגן פון דער יידיש־טייטשער שפּראַך־געשיכטע. דער עלטער פון יידיש־טייטש אין דייטשלאַנד און אין די סלאַווישע לענדער.

3. די אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך. אירע עלטערע און נייערע גראַמאַטישע פאָרמען. איר עלטערער און נייערער זאַץ־בוי. די אַנט־וויקלונג פון דער יידישער לעקסיק: די מיטל־הויך־טייטש, ניי־הויך־טייטש, לשון־קודשדיקע, סלאַווישע און ראמאנישע עלעמענטן. די ווירקונג פון על־טערן יידיש אויף די שפּראַכן פון די אַרומיקע פעלקער. יידיש־טייטש און די גנבישע געהיים־שפּראַכן.

4. די אַנטוויקלונג פון די אָרטיקע דיאַלעקטן אינעם עלטערן יידיש־טייטש (אויב מעגלעך — מיט אַ היסטאָרישער קאַרטע פון די יידישע דיאַלעקטן). די אַלטע ליטעראַרישע שפּראַך פון די יידיש־טייטשע ספרים. די הערעמאָניע פונעם דייטשלענדישן און האָלענדישן דיאַלעקט. די קלאַסישע עפּאָכע פון דער עלטערער יידיש־טייטשער שפּראַך (16טער און 17טער י״ה). די רעטאָריק, מעטריק און סטיל פון דער קלאַסישער עפּאָכע.

5. די אַלטע יידיש־טייטשע שריפט (טאַבעלן פון געדרוקטע און געשריבענע פאָרמען פון יידיש־טייטשן „משקל״ און „ווייבער־טייטש״). די אַנטוויקלונג פון יידיש־טייטשן אויסלייג. די יידיש־טייטשע שפּראַך־פאָרשונג אין דער קלאַסישער עפּאָכע.

6. די ירידה פון דער יידיש־טייטשער שפּראַך אינעם 18טן יאָרהונדערט. דער אונטערגאַנג פון די מערב־אייראָפּעיִשע דיאַלעקטן. די ירידה פון דער יידיש־טייטשער שפּראַך־פאָרשונג. דער איינפלוס פון דער השכלה און פון דער חסידות אויף דער יידיש־טייטשער שפּראַך. דער איבערגאַנג צו דער מזרח־אייראָפּעיִשער עפּאָכע.

ב. די יידישע שפּראַך אין דער געגנוואַרט

I. אַלגעמיינע באַמערקונגען. די געזעלשאַפטלעכע שפּראַך־אַנטוויקלונגס־קרעפטן אין דעם מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום. די פאָלקס־עלעמענטן אין דער יידישער שפּראַך. די פאַלש־אינטעליגענטישע עלעמענטן. „דייטשמעריש״. די ווירקונגען פון די אַרומיקע שפּראַכן אויף יידיש. די ווירקונג פון יידיש אויף די אַרומיקע שפּראַכן.

II. די יידישע דיאַלעקטאָלאָגיע. אַלגעמיינע באַמערקונגען וועגן די יידישע דיאַלעקטן (אויב מעגלעך — מיט אַ קאַרטע פון די יידישע דיאַלעקטן).

1. אָרטיקע דיאַלעקטן: א) ליטווישער דיאַלעקט, אָסטזעאישער אונטערדיאַלעקט; ב) פּוילישער דיאַלעקט, גאַליצישער אונטערדיאַלעקט; ג) דרומדיקער דיאַלעקט. וואָלינישער, בוקאָווינישער, רומענישער, אונגאַרי־

שער אונטערדיאַלעקטן; ד) מערב־אײראָפּעיִשער דיאַלעקט. עלזעסישער אונ־טערדיאַלעקט; ה) די מיש־דיאַלעקטן אין די אײנוואַנדערונגס־לענדער.

2. פּראָפעסיאָנעלע זשאַרגאָנען אין יידיש. קבצנים־שפּראַך, כלי־זמר־שפּראַך, גנבים־שפּראַך.

3. די פאָלקס־דיאַלעקטן און די ליטעראַרישע שפּראַך.

III. די כללים פון יידישן שפּראַך־בוי: פאָנעטיק.

1. די יידישע אַרטיקולאַציאָנס־באַזע (ד"ה, די וויסנשאַפטלעכע באַ־שטימונג פון דעם, וואָס מע רופט אָן נישט־וויסנשאַפטלעך „יידישער אַק־צענט", „יידישע אינטאָנאַציע"). דער געזעץ פון קראַפט־פאַרשפּאָרונג אין דער עקספּיראַציע און אַרטיקולאַציע. די לעבהאַפטיקייט פון דער אַרטיקו־לאַציע. דער געזעץ פון פאַרשטענדלעכקייט און אײנטײטיקייט. די פאָנע־טישע אונטערשיידן אין די אָרטיקע דיאַלעקטן און אונטערדיאַלעקטן.

2. די קלאַנגען פון דער יידישער שפּראַך. גוטוראַלע ספּיראַנטן און χ = ר־קלאַנגען אין יידיש און זײער ווירקונג אויף די הויכע טענער. גוטו־ראַלער און פּאַלאַטאַלער וואָרט־איין אין יידיש. שטימהאַפטע און שטימלויזע קלאַנגען; אפריקאַטע קלאַנגען אין יידיש. פאַרוואַנדלונג פון עקספּלאָדירנ־דיקע קלאַנגען אין אַפריקאַטע. נאַזאַלירטע און פּאַלאַטאַליזירטע קלאַנגען.

3. די טראַפן (ה' טשעמערינסקיס באַצײכענונג פאַר „זילבן"), טראַפ־בילדנדיקע קלאַנגען אין יידיש. די ווירקונג פון טראַפּנפאַרמערונג און פון די בייגונגען אויף די אָפענע קלאַנגען. (ל, נ אד"גל קלאַנגען; זײער אויסלייגן).

4. די טראַף־באַטאָנונג אין יידיש און איר ווירקונג אויף די אָפענע קלאַנגען. די זאַץ־באַטאָנונג אין יידיש און איר ווירקונג אויף די פּאַרטיק־לען. ϵ) קלאַנגען און זײער אויסלייגן). די אומבאַשטימטע און שוואַנקעדיקע קלאַנגען אין יידיש.

5. דער יידישער טאָנפאַל אין דער פליסנדיקער רייד. דער טעמפּ פון דער יידישער שפּראַך. פאַרקירצונגס־ און קלאַנג־אַסימילירונגס־טענ־דענצן אין יידיש. ריטמישע טענדענצן.

6. סעמיטישע, דײַטשע און סלאַווישע קלאַנגען אין יידיש. זײער וויר־קונג אײנער אויפן צווייטן. „דײַטשמערישע" עלעמענטן אין דער פאָנעטיק. די פאָנעטיק פון די נײַע און פרעמדע ווערטער אין יידיש.

7. די נויטיקע רעפאָרם אין דער יידישער פאָנעטיק. די רייניקונג פון די יידישע קלאַנגען — לויט די כללים פון דער יידישער אַרטיקולאַציאָנס־באַזע. די פאָנעטישע זייטן פון דער מאָדערנער יידישער מעטריק, רעטאריק און טעאַטער־קונסט. די חובות פון די יידישע פאָלקס־לערער, רעדנער, אַר־טיסטן און זינגער בנוגע צו די יידישע קלאַנגען. דער אידעאַל פון רעדן שיין און קלאָר יידיש.

IV. די כללים פונעם יידישן שפּראַך־בוי: לעקסיק און וואָרט־בילדונג.

1. די דייטשע (מיטל־הויך־טייטשע, נידער־טייטשע, ניי־הויך־טייטשע, דייטשמערישע) עלעמענטן פון דעם יידישן ווערטערבוך. די לשון קודשדיקע און סלאַווישע עלעמענטן. די איבעריקע עלעמענטן.

2. די ראָל פון די דאָזיקע פאַרשיידענע עלעמענטן, זייער איינפלוס איינער אויפן צווייטן. די באַטייטונגס־ענדערונגען פון די ווערטער, וואָס גייען אַריין אין יידיש. יידישע אידייען־אַסאָציאַציעס. די סינאָנימען אין יידיש.

3. די וואָרטבילדנדיקע קרעפטן אין יידיש. סופיקסן, פּרעפיקסן, וואָרט־פאַרבינדונג, סמיכות. דער שורש אין יידיש. די פונקציעס פון די דייטשע, דייטשמערישע, סלאַווישע און העברעיִשע וואָרט־בילדונגס־קרעפטן.

4. די לעקסישע אונטערשיידן פון די איינצלנע דיאַלעקטן און אונ־טערדיאַלעקטן. נייע און פרעמדע ווערטער אין יידיש. די העברעיִזירונג, גערמאַניזירונג, סלאַוויזירונג, ענגליזירונג אד״גל פון דער יידישער שפּראַך.

5. דער פאַרנעם פונעם יידישן ווערטערבוך. די רעפאָרם־אויפגאַבע: רייניקן און באַרייכערן דעם יידישן ווערטערבוך. דער אידעאַל פון אויסדריקן אַלץ אין יידיש.

V. די כללים פונעם יידישן שפּראַך־בוי: עטימאָלאָגיע.

1. יידיש אַלס אַ פלעקסיווע שפּראַך. דער אַנאַליטישער כאַראַקטער פון דער יידישער עטימאָלאָגיע.

2. אַן איבערבליק איבער די יידישע בייגונגס־פאָרמען. סינטעטישע (פלעקסיווע) און אַנאַליטישע בייגונגען. די דייטשע בייגונגס־פאָרמען און די סלאַווישע בייגונגס־פאָרמען (דייטשער און סלאַווישער פלוראל, דייטשע און סלאַווישע קאָניוגאַציע אד״גל). שפּורן פון העברעיִשע בייגונגס־פאָרמען.

דייטשע און סלאַווישע פלעקסיע ביי די העברעיִשע ווערטער. די סמנים ווי אַזוי צו אונטערשיידן, פון וועלכער שפּראַך ס'שטאַמט אַ יידיש וואָרט.

3. די פאַרוויקלטע פּרטים פון דער יידישער פלעקסיאָנס לערע (געשלעכט, מערצאָל פון די הויפּט־ווערטער, בייגונג פון פעלים אויף — דו, — טו, בייגונג פון פעלים וואָס זענען פאַרבונדן מיט פּרעפּאָזיציעס אד"גל). די בייגונגס־אונטערשיידן צווישן די אָרטיקע דיאַלעקטן און אונטערדיאַלעקטן.

4. די עטימאָלאָגישע גרייזן אין יידיש. פאָלקס־עטימאָלאָגישע און דייטשמערישע בייגונגס־פאָרמען און גרייזן. דער קאַמף אַקעגן די גרייזן. דער אידעאַל פון רעדן ריכטיק יידיש.

VI. די כללים פונעם יידישן שפּראַך־בוי: סינטאַקסיס און סטיל.

1. דער סדר פון די ווערטער אינעם יידישן זאַץ. דער הסכם פון די פלעקסיעס אינעם זאַץ. דייטשע, סלאַווישע און העברעיִשע עלעמענטן פונעם יידישן זאַץ. דער געברויך פון פלעקסיעס, פון פּרעפּאָזיציעס און אַנדערע פּאַרטיקלען אינעם איינפאַכן זאַץ.

2. די זאַץ־בילדנדיקע קרעפטן אין יידיש. די זאַץ־פאַרבינדיקע פלעמענטן. דער פּעריאָדישער זאַץ אין יידיש.

3. פאָלקסטימלעכע און דייטשמערישע גרייזן אינעם יידישן סינטאַקסיס. די אינטערשיידן פונעם זאַץ־בוי אין פאַרשיידענע דיאַלעקטן און אונטערדיאַלעקטן.

4. יידישע „אידיאָטיזמען"; פּלאַסטישע און דינאַמישע קאָנסטרוקציעס אין יידיש. די באַציִונג פונעם יידישן סטיל צום פאָלקלאָר. די פאָלקסטימלעכקייט, לעבעדיקייט, עלאַסטישקייט פון דער יידישער שפּראַך. די אָרעמקייט אין סטיליסטישע עלעמענטן און די מעגלעכקייטן זיי צו באַרייכערן. דער אידעאַל פון אַ יידישן שפּראַך־בנין.

VII. די יידישע שריפט. דאָס היינטיקע אויסלייגן אין יידיש, זיינע מעטאָדן, די קריטיק פון דער יידישער אָרטאָגראַפיע, די פאַרשיידענע פאַרזוכן זי איינצואָרדענען, די היסטאָרישע און פאָנעטישע פּרינציפּן אין דער נייטיקער רעפאָרם פונעם יידישן אויסלייג. דער מאַקסימום־פּראָגראַם און די פשרהדיקע רעפאָרמען אינעם יידישן אויסלייג. די שרייבונג פון די האמאַנימען. די אונטערפונקציאָנס — און אַנדערע צייכנס אין דער יידישער

שריפט. די פראַגע מכוח דעם אויסלייג פון העברעיִשע ווערטער. דער פראָ־יעקט פון אַ לאַטייניזשן אלף־בית פאַר יידיש.

ג. אַלגעמיינער סך־הכל. דער לינגוויסטישער ווערט פון יידיש (פונעם שפראַך־קריטישן שטאַנדפונקט). אינדאָגערמאַנישע און סעמיטישע זייטן אין דער יידישער שפראַך.

די וווּלגאַריזירונג און דאָס ליטעראַריש־ווערן פון די יידישע דיאַ־לעקטן. די העגעמאָניע פונעם ליטוויש־יידישן דיאַלעקט. די געזעלשאַפט־לעכע אַנטוויקלונגס־פאַקטאָרן פון דער יידישער שפראַך: פאָלקלאָר, שיינע ליטעראַטור, פּרעסע, טעאַטער, עמיגראַציע, אַרבעטער־באַוועגונג, די יידישע קולטור־באַוועגונג, פאָלקס־שול אד״גל. געזעלשאַפטלעכע מוסדים פאַר דער יידישער פילאָלאָגיע.

די רעפאָרם־מעגלעכקייטן און אויפגאַבן אין אַ שפראַך בכלל און אין דער יידישער בפרט. הומאַניזירונג און נאַציאָנאַליזירונג פון דער יידישער שפראַך. יידיש אַלס בילדונגס־מיטל און אַלס קולטור־קראַפט.

VI

בער באָראָכאָוו און רעליגיע

1.

באָראָכאָווס גרויסע ערודיציע, זיין אינטערעס אין דער וויסנשאַפט, האָט אים געפירט צו פאַרנעמען זיך אויך מיט פּראָבלעמען פון רעליגיע. דאָס דאָזיקע פּראָבלעם, וואָס איז אַזוי אַלט ווי די מענטשהייט אַליין, גייט נישט אַראָפּ און וועט נישט אַראָפּגיין פון סדר־היום כל זמן די וועלט וועט עקזיסטירן. די פילאָסאָפן פון אַלטערטום אָן ביז דער סאַמע מאָדערנסטער צייט באַשעפטיקן זיך מיטן פּראָבלעם רעליגיע.

באָראָכאָוו, אַלס מענטש מיט גרויסן אינטערעס פאַר וויסנשאַפט, האָט אויף דעם געביט אָנגעשריבן צוויי גרויסע אַרבעטן: „דער ווירטואַליזם" און „צו דער געזעלשאַפטלעכער פּסיכאָלאָגיע פון רעליגיעזן באַוווסטזיין". ביידע ווערק זענען לכתחילה אָנגעשריבן געוואָרן אין רוסיש און שפּעטער איבער־געזעצט געוואָרן אין ייִדיש, דאָס ערשטע דורך יוסף פרידמאַן און דאָס צווייטע דורכן ח' ניר — נחום יעקב ראַפּאַלקעס.

דאָס ערשטע ווערק איז, שיינט מיר, אין ערגעץ נישט דערשינען. דאָס צווייטע איז דערשינען אין „פּראָלעטאַרישן געדאַנק", בוך 2־1, וואַרשע, אַרויסגעגעבן צום 10טן יאָרצייט נאָך ב. באָראָכאָוו.

פון דער צווייטער אַרבעט זעען מיר, אַז ב. באָראָכאָוו איז געווען אַ גרויסער בקי אין פילאָסאָפיע. ער ברענגט דאָרטן ציטאַטן און קלייבט פאַנאַנדער געדאַנקען פון אַזעלכע פילאָסאָפן און רעליגיעזע דענקער ווי בודאַ (געשטאָרבן 483 פ. ק. ג.) זאַראַטוסטראַ (6טער י"ה פ. ק. ג.) פרידריך ערנסט שלייערמאַכער (1768—1834) ד. שטראַוס (1808—1874), מ. גויאָ

88—1854), ברוך שפינאָזאַ (1677—1632) ד. יום (1776—1711) פרידריך ניטשע (1900—1844), פייערבאַך (1872—1804), דעקאַרט (1650—1596) א״אַ.

פאַרנומען האָט זיך באָראָכאָוו מיטן ענין רעליגיע אַ דאַנק די שטימונגען, וואָס עס האָבן געהערשט אין דער וועלט בכלל און אין רוסלאַנד בפרט צוליב דעם דורכפאַל פון דער רוסישער רעוואָלוציע אין די יאָרן 6—1905.

דער ברייטער עולם, אַנטוישט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָט, זעענדיק ווי עס וואַקסט אין רוסלאַנד די רעאַקציע, פאַרלוירן דעם אינטערעס צו פּאָליטישע פּראָבלעמען. דער צאַריזם האָט געבושעוועט. די טורמעס זענען געווען איבערפולט מיט פּאָליטישע אַרעסטירטע. די שטימונג אין לאַנד איז געווען אַ געדריקטע. פיל אַנגעזעענע פּאָליטישע פירער, וועלכע האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן וואָגן פון דער רעוואָלוציע, האָבן זיך איצט פאַרשלאָסן בחדרי חדרים און זיך אַ נעם געטון צו די ספּעקולאַטיווע פּראָבלעמען פון רעליגיע. אין דעם האָבן זיי געזוכט אַ באַפרידיקונג פאַר זייערע בענקשאַפטן נאָך העכערע ענינים ווי די טאָג־טעגלעכע אינטערעסן.

אַ גרויסער טייל פון דער רוסישער יוגנט און אינטעליגענץ איז אַוועק אויפן וועג פון „פרייער ליבע״. סאַנין, אַרציבאַשעווס העלד, איז געווען אַ מוסטער פון אַ טיפּ אין וועמענס וועגן מען דאַרף גיין.

באָראָכאָוו האָט געזען אין די דאָזיקע מיסטישע רעליגיעזע שטימונגען אַ רעאַקציאָנערע דערשיינונג. ס'איז געווען אַ צייט ווען דער מאַטעריאַליזם האָט געהאַט אַ גרויסע אָנהענגערשאַפט און באָראָכאָוו אַלס היסטאָרישער מאַטעריאַליסט איז צוגעטראָטן צום ענין רעליגיע עקסטרעם און עס שאַרף אָרונטערגעריסן.

אין זיין הקדמה צו דער אַרבעט „צו דער געזעלשאַפטלעכער פּסיכאָלאָגיע פון רעליגיעזן באַוווסטזיין״ זאָגט באָראָכאָוו, אַז רעליגיעזע נטיות און זוכענישן ביי סאָציאַליסטן איז ווייט נישט קיין נייע דערשיינונג. שוין נישט רעדנדיק וועגן די אוטאָפּישע סאָציאַליסטן, ווי סען־סימאָן, מיט זיינע תלמידים אָדער ווילהעלם ווייטלינג און די קריסטלעכע סאָציאַליסטן פון דער ערשטער תקופה, זענען נאָך אויך איצט פיל מזווג די וואַרעמע קריסטלעכע אמונה מיט הייסע סאָציאַליסטישע איבערצייגונגען. עס פעלן איצט אויך נישט קיין פּרווון פילאָסאָפיש צו פאַרבינדן סאָציאַליזם מיט רעליגיע.

.2

באָראָכאָוו הייבט אָן זיין ערשטן קאַפּיטל פון זיין אַרבעט מיט געבן די פּסיכאָלאָגישע זייט פון רעליגיעזן באַוווסטזיין. „אויב מיר ווילן באַגרייפן — שרייבט ער — דאָס רעליגיעזע באַוווסטזיין, פאַרשטיין די געפילן פון אַ גלויבנדיקער נשמה, איז אונדז גענוג צו באַשרייבן די באַוועגונגען און אַק־ציעס, די „אויסערונגען" אין וועלכע עס „דריקן זיך אויס" די דאָזיקע גע־פילן. דער רעליגיעזער געפיל איז אַלעמאָל „דערשינען" אין אַזעלכע באַווע־גונגען און אַקציעס וואָס זייער אַלגעמיינער סכום טראָגט דעם נאָמען קולט. די רעליגיע איז גלייך דעם באַגריף קולט, זאָל עס זיין דער אויסערלעכער אָדער אינערלעכער, דער פולער אָדער פאַרהאַלטענער. קולט מיינט אָבער נישט ריטואַל, וואָס איז מער נישט ווי דער אָפיציעלער צערעמאָניאַל, קאָ־נאָניזירט דורך די כוהנים און פאַרהייליקט דורך טראַדיציע. קולט איז ברייט־טער פאַרן צערעמאָניאַל און טראַדיציעס: אים קאָן איינפירן אויך אַ רעלי־גיעזער רעפאָרמאַטאָר, אים קען שאַפן פאַר זיך אויך יעדער באַזונדער־גלויבנדיקער יחיד".

אין די גאָר אַלטע צייטן האָט די רעליגיע אַרומגענומען אַלע פאַזן פון לעבן. ס'איז געווען כמעט אוממעגלעך צו זאָגן וווּ עס ענדיקט זיך דער פּע־טישיזם און וווּ עס הייבט זיך אָן טיפער רעליגיעזער גלויבן, וווּ איז דער סוף פון מאַגיזם און וווּ הייבט זיך אָן טעכניק. מען קען שוין אָבער דאַן באַמערקן די עמבריאָנען פון דער ווייטערדיקער רעליגיעזער עוואָלוציע, דעם הייליקן פּחד פאַר דעם איבערמענטשלעכן כוח.

דער מענטש איז דאַן געווען הילפסלאָז קעגן דער מעכטיקער נאַטור. ער האָט עס נישט פאַרשטאַנען, נישט געקענט באַהערשן, געווען דעריבער פול מיט פּחד און געפיל פון אָנמאַכט. דער מענטש האַלט זיך נידעריקער פאַרן געטש, וואָס ער באַשאַפט און וואָס ער — דער געטש — קען לויט אים באַווירקן די פאַר אים אומפאַרשטענדלעכע אָפטמאָל שאָדן־ברענגענדיקע נאַטור־דערשיינונג.

דער מענטש באַמיט זיך משפּיע צו זיין די פּעטישן. ער וויל אַפילו אונטערוואַרפן זיי צו זיין ווילן: דער פּעטיש זאָל טון וואָס פאַר דעם מענטשן איז גוט. ווען דער פּעטיש דערפילט נישט זיינע פאַרלאַנגען, ווען די תּפילות

צו דעם געטש ברענגען נישט די געוווּנטשענע רעזולטאַטן, רעכנט ער זיך מיט אים אָפּ — ער באַשטראָפט אים. דער מענטש טרעט אַריין אין משא־מתנס מיט דעם געטש — איך גיב דיר און דו גיב מיר.

די לעגענדעס פון די אַמאָליקע צייטן דערציילן אונדז פיל פון אַזעל־כע פאַלן. אין די דאָזיקע קאַמפן קעגן די געטשן האַלטן אָפּ אַ נצחון דווקא די געטער און די אונטערגעוואָרפענקייט פון די מענטשן צו די געטשן ווערט נאָך גרעסער, דער מענטש ווערט נאָך מער הכנעהדיק, און אונטערטעניק נעמט ער אויף גאָטס באַפעלן.

פונקט ווי די באַזונדערע שבטים, לויט דער טעאָריע פון אורשפּרינג־לעכן קאָמוניזם, נישט האָבנדיק געהאַט קיין השגה וועגן סאָציאַלער מאַכט און פאַרשקלאַפונג האָבן געמאַכט צווישן זיך אָפּמאַכן, אַזוי האָבן מענטשן אין יענער צייט געמאַכט אָפּמאַכן מיט פעטישן. דאָס איז געווען אין דער תקופה פון פּרעאַנימיזם. (אַנימיזם — גלויבן אַז שטיינער, האָלץ און חיות האָבן אַ נשמה, מ. מ.). די היסטאָריש־באַקאַנטע רעליגיעס ווייסן נישט פון אָפּמאַכן צווישן מענטשן און געטער ווי גלייכע מיט גלייכע.

די „תפילות", ווי אויבן דערמאָנט, האָבן זיך אויסגעדריקט אין באַווע־גונגען פון קערפּער און געשרייען. איז מען געווען צופרידן מיטן געטש האָט מען זיך צו אים דערנענטערט און אַרומגעאָרעמט, אָבער אין שנאה־באַווע־גונגען, אין אויסדרוקן פון פיינטשאַפט צום געטש — האָט מען זיך פון אים דערווייטערט. האָט מען געדאַרפט ביים געטש עפּעס אויספּועלן, האָט מען זיך מיט הכנעה געבוקט פאַר אים, מיט שטילע ווערטער האָט מען אַרויס־געזאָגט די תפילה. אין פאַלן פון שנאה, אומצופרידנקייט האָט מען געשריִען, געליאַרעמט, געדראָט. די געפילן זענען נישט געווען קיין איינגעהאַלטענע, קיין קאָנטראָלירטע.

מיט דעם לויף פון דער צייט זענען די עמאָציאָנעלע מאַניפעסטאַציעס געוואָרן „אידעלער", איינגעהאַלטענער; „דער אויסערלעכער, אָדער ריכטי־קער, דער פולער קולט פאַרוואַנדלט זיך אין אַן אינערלעכן קולט, אין רע־ליגיע. אַנשטאָט צו פאַלן כורעים אָדער איינפאַך צו קניִען, הייבן אָן די מענטשן זיך דורכצודרינגען מיט יראת הכבוד, דאָס הייסט, אינערלעך גייס־טיק צו „קניִען". דערביי איז אַלע מאָל דאָ פאַראַן אויך דאָס עמבריאָנעלע, אָבער פאַרהאַלטענע קניִען — דאָס איינבייגן פון קאָפּ אַנשטאָט צו זינגען

תפילות, קען דער רעליגיעזער מענטש זיי „זאָגן פאַר זיך", און אויב ער וועט אויפהערן אויך דאָס צו טון, פונדעסטוועגן וועט ער אויך דאַן זיך געפינען אין אַ „תפילות־שטימונג, זיינע געדאַנקען וועלן אויך זיין תפילות".

אין דער דאָזיקער אַנטוויקלטער פאָרעם, זאָגט באָראָכאָוו, קען מען דאָס רעליגיעזע באַוווסטזיין לייכט פאַנאַנדערגלידערן, מען קען פון אים אויסטיילן זיין עמאָציאָנעלן צענטער. עס איז לייכט זיך צו איבערצייגן, אַז אינעם אינערלעכן, אַזוי אויך אינעם אויסערלעכן קולט חזרן זיך איבער עפּטער פאַר אַלץ רעאַקציעס־באַוועגונגען פון דערנידערן דעם אייגענעם גוף און אייגענע נשמה־קראַפט פון מענטש און פון דערהייבן די אויסער־לעכע איבערמענטשלעכע קראַפט.

באָראָכאָוו זאָגט ווייטער, אַז מצד דעם „געפיל" איז רעליגיע יראת הכבוד און ערפורכט — עמאָציאָנעלע פּאַסיוויטעט; מצד „געדאַנק" איז זי אומ־קריטישער גלייבן, אַן עמבריאָנעלער אָדער אַנטוויקלטער דאָגמאַטיזם — פּאַ־סיוויטעט פון אינטעלעקט. רעליגיע איז די פּאַסיווע באַציִונג צו די פעטישן, צו די אָביעקטן פון דעם לעבעדיקן אַנימיסטישן גלויבן.

3.

נאַטירלעך איז, אַז דער כהן, דער פּריסטער דאַרף דינען אַלס מוסטער אין זיין באַציִונג צו דער רעליגיע. ער דאַרף זיין דער מורה־דרך. פון אים פאָדערט דער קהל צו טון אַלע מצוות וואָס די רעליגיע שרייבט פאָר. די אמונות אָבער פון די אַמאָליקע צייטן גיט אונדז גאָר אַן אַנדער בילד. דער פּריסטער, וואָס איז אַמנאָענטסטן צו דעם גאָט, וואָס איז געניי באַקאַנט מיט אַלע זיינע אייגנשאַפטן, ער וואָס ווייסט ווי דורכצופירן אַלע צערעמאָניעס און קען די אַלע סודות פון מאַגיזם, ער — גראָדע ער דער כוהן איז דווקא אין דער ווירקלעכקייט צום ווייניקסטן רעליגיעז, זאָגט אונדז ב. באָראָכאָוו: „דער פּריסטער וואָס איז מכוון בקדושה, פילט די קדושה אַ סך שוואַכער ווי אַ פּשוטער מענטש — אַ הדיוט, וואָס קוקט זיך צו בדחילו ורחימו צו זיינע הייליקע מאַניפּולאַציעס. דער פּריסטער וועט אַ סך גערנער און פלינ־קער אָפּנאַרן די געטער, און ער איז מער פאַר אַלע אַנדערע מענטשן מסוגל צו צביעות און צו ראַפינירטער גאָטסלעסטערונג. ווער קען נאָך זיין אַזוי

העזהדיק ציניש אין זיין צביעות, ווי אַ נישט גלויביקער פּריסטער? ביי וועמען נאָך קען דערגיין צו אַזאַ מדרגה די פאַלשע קאָנווענציאָנאַליטעט און ערעלאָזיקייט, ווי ביים פּויפּסט אַלעקסאַנדער באָרדזשיא (1431—1503 — מ. מ.), אָדער ביי די אויגורן, (קאָמענטאַטאָרס פון גאָטס ווילן — מ. מ.), וואָס, ווי ציצעראָן דערציילט, האָבן אָן אַ שמייכל נישט געקענט קוקן איי־נער אויפן צווייטן?

פאַרוואָס איז עס אַזוי? דעם ענטפער גיט באַראַכאָוו: „אַקטיוויטעט און געוווינהייט דערנענטערן; זיי גראָבן אונטער דעם רעליגיעזן געפיל, דער פּריסטער ווייסט שוין דעם סוד, און אָט דאָס וויסן מיינט אַזוי אָדער אַנ־דערש פּראָפאַנאַציע. די רעליגיעזע טעכניק, דער מאַגיזם — דער אָנגריף־עלעמענט אין דער רעליגיע — איז איר נישט רעליגיעזער, אַפילו אַנטי־רעליגיעזער עלעמענט“.

מיט פּשוטע ווערטער מיינט עס, אַז דער פּריסטער ווייסט אַז „קיין דופק איז נישטאָ“. וואָס מער דער מענטש איז נאָענט צום „הייליקטום“, וואָס די דיסטאַנץ צווישן דעם מענטש און „גאָט“ איז קלענער, אַלץ ווייניקער יראת הכבוד האָט דער מענטש פאַר אים.

„עס זענען פאַראַן שטרענגע געטער — פּעטישן און מילדע. דאָס באַגיין אַ זינד, דאָס ווידערשפּעניקן קעגן דעם שטרענגן, בייזן פּעטיש איז אַ חילול השם, דאָס ווידערשפּעניקן קעגן מילדן פּעטיש איז אַן עבירה, „דער שרעק־לעכער פּעטיש פאַראַליזירט אומבאַדינגט די אַרבעט פון געדאַנק“; זיין אסרנדיקער אויטאָריטעט איז אַ פּשוטער קאַטעגאָרישער טאַבו; דער גוטער, אָבער איבערמענטשלעכער מעכטיקער פּעטיש צעשמעלצט מיט זיין גוטס־קייט די קייטן פון געדאַנק. דער לעצטער פּרוווט עפּעס שאַפן, אומדרייסט פּרוווט ער אָנרירן דעם פאַרבאָטענעם טאַבו, ער האָט אָבער פאַר זיך אַ געהיימעניש. אין ערשטן פאַל טאָר מען נישט טראַכטן וועגן דער געהיי־מעניש; אין צווייטן פאַל דערלויבט זיך דער מענטש צו קאָנסטאַטירן די געהיימעניש“.

מיט דער צייט ווערט דער מענטש ביי זיך אַליין שטאַרקער. ער הייבט אָן אַלץ מער און מער פאַרשטיין די נאַטור, ווערט מער באַהאַוונט אין אירע געהיימנישן; ווערט אים דער „גאָט“ נעענטער, פאַרשטענדלעכער. אַנשטאָט מורא צו האָבן פאַרן „גאָט“, ווייסט שוין דער מענטש עפּעס וועגן אים.

„גאָט" איז נאָך אָבער אַלץ פאַר אים אַ געהיימעניש, אַן אומפאַרשטענדלעכ־קייט. דאָס דאָזיקע געהיימעניש אַנטהאַלט אין זיך, דעריבער, די גרעסטע סכנה פאַר דער מענטשלעכער פרייהייט.

די אַנטוויקלונג פון דער רעליגיע קען מען צעטיילן אויף דריי צייט־אָפשניטן: א) עס עקזיסטירן צייטווייליקע פעטישן, אַמאָל אַזאַ, אַמאָל אַן אַנדערער. מיט די פעטישן לעבט מען אין חברשאַפט. זיי זענען גוטע ברידער פון וועמען מען קען בעטן אַ טובה, איינרעדן זיי צו דערפילן אַ בקשה און אויב זיי טוען עס נישט ווערן זיי באַשטראָפט. ב) ביסלעכווייז גייט דער מענטש אַריבער צו באַשטענדיקע געטער — ער ווערט אונטערטעניק. ג) דער מענטש איז זינדיק און צוליב זיינע זינד ווערט ער באַשטראָפט דורך די געטער, צוליב אַן עבירה ווערט ער פאַרשקלאַפט און דאַרף אָפּקומען פאַר זיינע זינד. ער ווערט זיך אָבער קעגן דעם.

אויף דער ערשטער סטאַדיע מאַכט דער מענטש אָפּמאַכן מיט די פעטישן, און אַן אַנדער מאָל קעמפט ער מיט זיי, כדי צו דערגרייכן וואָס ער פאַרלאַנגט. אין דער צווייטער סטאַדיע, ווען די געטער ווערן פיקסירט און עס שאַפן זיך אַרום זיי לעגענדעס, פאַרשטאַרקט זיך דער כוח פון די כוהנים. די מענטשלעכע פרייהייט איז אין רשות פון די פעטישן. די רעליגיע דער־גרייכט איר העכסטן פונקט. דער מענטש איז פאַרשקלאַפט צו די פעטישן. דאַן קומט די דריטע סטאַדיע: די מענטשן, די שטערבלעכע הייבן אָן זוכן זייערע רעכט, שטעלן זיך אַנטקעגן די געטער, הייבן אָן צו בויען דעם בבל־טורעם, כדי צו דערגרייכן די הימלען, ווילן האָבן די מאַכט איבער דער נאַטור, ווערן קעמפער קעגן גאָט.

4.

אין אָנהייב, אין דער ערשטער סטאַדיע, האָט דער מענטש גלויבנדיק אין פעטישן נישט געהאַט קיין שום השגה וועגן „אין סוף". צום באַגריף פון „אין סוף" איז דער מענטש געקומען נאָך לאַנגע. לאַנגע מעטאַמאָרפאָזעס, באָראָכאָוו שרייבט, אַז זיין לעצטע פאָרמול האָט דאָס רעליגיעזע באַוווסטזיין אַלס אומענדלעכע אַמפּליפיקאַציע, געפונען פון איין זייט אין דער מיסטי־שער תורה וועגן גאָט־נישט, וועגן דעם וועזן וואָס קען נישט אויסגעדריקט

ווערן מיט דער הילף פון באַגרענעצטע דעפיניציעס פון דער מענטשלעכער שפּראַך, און פון דער אַנדערער זייט אין דער סכאָלאַסטישער אידייע וועגן דער פולשטענדיקער שלימות וואָס האָט אַלע אייגנשאַפטן, אַלע מעלות אין דער אומענדלעכער פּאָטענץ.

„דיביידע באַגריפן, זאָגט באַראַכאָוו, — דער נישט אויסדריקלעכער מיטן וואָרט „אָם" (אַ געהיימנישפול וואָרט, וואָס האָט געדינט ווי אַ סימבאָל פאַר די דריי העכסטע אינדישע געטער, טרימורטי, דאָס איבערחזרן דאָס וואָרט „אָם" אַ פּאָר מאָל איז געווען אַ מעכטיקער מיטל צו באַגרייפן דאָס העכסטע וועזן, וואָס גיט אַלעמען לעבן, וואָס איז אַלמעכטיק און געפינט זיך אומעטום — באַמערקונג פון איבערזעצער) פון די אינדישע פילאָסאָפן און דאָס פאַרפולקאָמסטע וועזן פון מיטלאַלטער האָבן צונויפגעזאַמלט אין זיך ווי אין אַ פאָקוס אַלע סתירות פון רעליגיעזן לעבן, אַנטהאַלטן אַ גאַנצע מענגע פון נישט לעזבאַרע פּראָבלעמען און זענען לגמרי אומדערטרעגלעך פאַר אַ געזונטער לאָגיק".

באַראַכאָוו פּרוווט נאָכצופאָרשן די אַנטוויקלונג פון די קאָנטראַסטן פון רעליגיעזן באַוווסטזיין אין די באַזונדערע ריכטונגען. דאָס, מיינט ער, וועט אין אַ באַשטימטע מאָס דערקלערן פאַרוואָס פאַרשיידענע פאָרשער באַהויפּטן פאַרשיידן וואָס עס מיינט רעליגיע.

ערשטנס ברענגט ער באַהויפּטונגען פון ד. יום פון זיין עסיי „אַבער־גלויבן און ענטוזיאַזם". יום דערקלערט, אַז דער אמתער מקור פון אַבערגלויבן איז די אָנמעכטיקייט, שרעק, דאָס בענקען איז פאַרבינדן מיט עם הארצות, און דער אמתער מקור פון באַגייסטערונג איז בטחון, זיכערקייט אין זיך, לכתחילה איינגעבילדעטע מיינונג, רייכע פאַנטאַזיע אויך אין פאַרבינדונג מיט עם הארצות.

לונאַטשאַרסקי (1875—1933) דערקלערט, אַז באַגייסטערונג איז „אַ לייכטע עפּילעפּסיע, אַ קורץ־צייטיקע איבערפולונג פון די בלוט־אָדערן פון קאָפּ־מאַרך. די עמאָציעס פון באַגייסטערונג און שמחה, פון איין זייט, כעס און אַפילו פון ווילדער צעקאָכטקייט, פון דער אַנדערער זייט שטייען אין נאָענטער פּסיכישער קרובהשאַפט, און דער ענטוזיאַזם גייט לייכט אַריבער פון איין זייט אין אַ מילדער פאָרעם, אין אַ שטילער אינטימער פרייד, און

פון דער אַנדערער זייט דורך אומגעצוימטער אַנטציקונג וואַקסט עס אויס צו ווילדע צעקראָכנקייט, צו משוגעת.

קראַפט עבינג (1902—1840) זאָגט, אַז דער רעליגיעזער עקסטאַז איז נאָענט צו דער סעקסועלער אויפרייצונג, פונקט ווי דער סעקסועלער געפיל, איז אויך דער רעליגיעזער פעיִק דורכצוגיין אַלע שאַטירונגען פון אַ מילדן, מאַטן צעקראָכענעם צערטלעכקייטס-געפיל, ביז צו ווילדן, אַפּט בלוטגייציקן אַרגאַזם (אומנאַטירלעכע באַגייסטערונג — מ. מ.). דער עקסטאַז, די אויסער־סטע אָנשטרענגונג פון ענטוזיאַזם — איז אָן ספק אַקטיוויטעט, און דערצו זייער אַ געשטייגערטע, אַ קאָלאָסאַלע אויסלאָדונג פון ענערגיע, וואָס ווערט אויך באַגלייט מיט אַ רייַכער איראַדאַציע (אויסשטראַלונג — מ. מ.), אָבער — און דאָס טאָר מען נישט פאַרגעסן — די אַקטיוויטעט איז אַ כאַאָטישע, כמעט אַ רעפלעקטאָרישע, כמעט אָן אומבאַוווסטזיניקע מיט זייער אַ קליינעם אַנטייל פון די פאַרהעלטנדיקע פונקציעס פון דער שאָלעכץ פון קאָפּ־מאַרך.

„עקסטאַז איז אַ צושטאַנד אָן באַוווסטזיין, וואָס איז אין אַלע אויס־דרוקן, ענלעך צו נאַרקאָז. פון שטאַנדפּונקט פון דער אָרגאַניזירטער טעטי־קייט פון קאָפּ־מאַרך, כאַראַקטעריזירט עקסטאַז אַ פאַרהעלטענישמעסיק ני־דעריקע פאָרעם פון פסיכישן לעבן".

באָראָכאָוו גייט ווייטער אָן און דערקלערט, אַז מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אינטעליגענץ פון דער באַפעלקערונג זענען די אויסערלעך־מאַני־פעסטירנדיקע דערשיינונגען פון עקסטאַז פיל פאַרמינערט געוואָרן, אַז שרייַ־בער — און דאָ מיינט ער אינטעליגענץ — קאָקעטירן נאָר מיט פאַטאָס, וואָס עס איז אין גאָר אַ גרויסער מאָס אַ געמאַכטע און געקינצלטע זאַך. היינט איז שווער צו געפינען אַזעלכע מענטשן, וואָס זאָלן זיין אַזוי באַגייס־טערט און עקזאַלטירט ווי עס זענען געווען די נביאים. אויסערלעכע פאַר־מען פון אויפפירונג ווערן אַלץ מער און מער ראַפינירט מיט דער צייט.

שטעלט באָראָכאָוו די פראַגע: פון וואַנען נעמט זיך די רעליגיעזע התלהבות? און ער ענטפערט: ערשטנס, אַז די מענטשן פון די אַמאָליקע צייטן (אויך אין צווייטן פעריאָד, ווען וואָס מיר האָבן פריִער גערעדט) האָבן געפירט משא־מתנס מיט די געטער, כדי ביי זיי אַרויסצוקריגן גוטס פאַר זיך. דאָס צו דערגרייכן האָט דער מענטש, דער אָפּהענגיקער פון גאָט, גע־וואָלגערט זיך אין שטויב, געפייניקט זיך און מיט מיטלען פון מאַגיזם גע־

וואָלט דערגרייכן זיינס; און האָט מען עס באַקומען, זענען די געבעטן דער־פילט געוואָרן, איז דער מענטש אַריין אין גרויס עקסטאַז, אין אַ גרענעצ־לאָזער שמחה.

די רעליגיע, וועלכע איז לויט איר נאַטור פּאַסיוו, האָט געוועקט אין געשטויסן צו זעלבסטעטיקייט. אָבער די זעלבסטעטיקייט האָט זיך באַגרע־נעצט אויף זיך אַליין. געבליבן איז דער מענטש געהאָרכזאַם צו דער גאָטהייט און געציטערט פאַר איר.

אין איין פאַל איז די פּאַסיוויטעט אַרויס פון די גרענעצן אויך לגבי חוץ און דאָס איז געווען אין קאַמף קעגן די שונאים פון גאָט. דער גלויבן אין גאָט, אין די געטשן — איז געווען פאַנאַטיש; האָט אַן אַנדער שבט, אָדער פאָלק געהאַט אַן אַנדער גלויבן, האָט מען דעם ווילדן עקסטאַז אויס־געגאָסן אויף דעם פרעמדן שבט, אויף די שונאים פון אייגענעם גאָט.

מיט דער צייט ווערט דער קאַמף פאַר דער אייגענער רעליגיע ציווי־ליזירטער. דער קאַמף, די סיבות פון קאַמף ווערן איינגעוויקלט אין וואַטע, מען מאַכט עס איידל, מען קאָנטראָלירט די ווילדע אויסברוכן קעגן די פרעמדע, נישט־גלויביקע אָדער אַנדערש־גלויביקע. אָבער דאַן באַווייזט זיך אַ נייער שונא אין דער נשמה פון מענטשן אַליין. עס קומען אויף אַפּיקור־סישע געדאַנקען, מען הויבט אָן פרעגן און אָפּפרעגן איינגעשטעלטע אמתן. אין דעם פאַל מוז פון זיך די אַפּיקורסות אַרויסגעטריבן ווערן און דאָ קומט גאָט אַליין צו הילף. גאָט העלפט דעם צדיק אין זיין געראַנגל מיטן אינער־לעכן שטן. דאָ ווערט דער מענטש ווידער פּאַסיוו. געהאָרכזאַם.

צוויטנס פירט דאָס לעבן דערצו, אַז די מורא פאַר דער גאָטהייט זאָל בהדרגהדיק אַריבער אין שטילער יראת הכבוד. אָנשטאָט פּחד פאַר גאָט קומט וואַרעמע ליבע צו אים. די תפילה ווערט דער וועג וואָס פירט צו גאָט. די תפילה די געזאָגטע תפילה בקול דממה, ברענגט האָפענונג. גאָט וועט זיך צו איר צוהערן. דאָס האָפן קען אַנדערש נישט זיין ווי פּאַסיוויטעט, הכנעהדיקייט.

דריטנס: עס זענען פאַראַן קלענערע סעקטעס, וועלכע זענען פאַרזונקען אין אומנאַטירלעכער באַגייסטערונג און פאַנאַטישן מיסטיציזם. די אויפגע־רייצטע שטימונג וואָס באַגלייט דעם צוגעזאָגטן גליק פירט זי אַריין אין טראַנס פון שפּרינגען, טאַנצן און געזאַנג, וואָס געוויינלעך זענען זיי נישט

לויט די כללים פון דער קירכע. דער פּריסטער שרויפט זיי דאָך אָבער אויף. זיי גלייבן, אַז דער איבערנאַטירלעכער ענטוזיאַזם וועט גיכער ברענגען זייערע געבעטן צו די אויערן פון גאָט.

באָראָכאָוו שטעלט זיך אָפּ אויף דעם אורשפּרינגלעכן בודיזם און מיר וועלן עס ציטירן: „אַ באַזונדער אָרט צווישן די רעליגיעזע דאָקטרינעס פאַרנעמט דער אורשפּרינגלעכער בודדיזם, אַ חוץ דער פּעסימיסטישער וועלט־אָפּשאַצונג, אונטערשיידט זיך דער בודדיזם פון אַלע אַנדערע אמונות מיט אַבסאָלוטן אינדיווידואַליזם פון זיינע עטישע תשוקות, מיט מאַנגל פון יעטוועדער כאַראַקטערעסירטקייט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און מיט דער אויסערסטער איבערשאַצונג פון דער מענטשלעכער מאַכט. (קורסיוו ב. ב.).

„לויט בודדאַס תורה, ווערט דער שטערבלעכער, וואָס האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון אויסלייטערונג, אַליין אַן אומצוגענגלעכער אידעאַל פאַר די געטער. דער בודדיזם האָט דערגרייכט דעם מאַקסימום אין דער אַמפּליפיקאַציע פון באַפרייאונגס־אינסטינקט און מאַגיזם. שוין דער בראַ־האַמאַן (כוהן — מ. מ.) האָט געקוקט אויף זיך ווי אויף דעם הויכן אויס־דערווײלטן דורך די געטער. ער האָט געהאַלטן, אַז ער שטאַמט פון בראַמאַס קאָפּ (בראַמאַ — דער באַשאַפער פון דעם אוניווערס, הויפּט־פיגור פון דער הינדוסער דרייאייניקייט — מ. מ.) און אין זיינע הייליקע אָפּעראַציעס האָט ער געזען אַן אומבאַדינגט ריכטיקן מיטל. קעגן וועלכן עס קען נישט ביי־שטיין דער שטאַרקסטער צווישן די געטער. (דאָ מאַכט באָראָכאָוו אַ פוסנאָט, ווו ער שרייבט צווישן אַנדערס: „פון דאַנען איז שוין איין שריט צו גאָט־לעסטערנדיקער זעלבסטאייגבילדונג; די בראַהאַמאַנער האָבן זיך שוין גע־האַלטן כמעט העכער פאַר די געטער. זיי זענען נאָר געווען אָפּנהאַרציקער פאַר די כוהנים פון אַנדערע רעליגיעס").

„אָט דער דאָזיקער גלויבן פון די אינדישע פּריסטער אין זייער מאַגי־שער מאַכט איבער די געטער איז אַריבער צום בודדיזם. אָבער דאָ איז דער מאַגיזם פריִער אַריבער פון אויסן אויף אינעווייניק (קורסיוו ב. ב.). ביי אַזאַ איבערגאַנג הייבט דער מענטש אָן, אַנשטאָט פולע מאַגישע רעאַקציעס ווי ברענגען קרבנות און מאַכן אָפּשפּרעכונגען, צו פּראַקטיצירן אַנאַלאָגישע מעשים אין זיך. אַ קרבן ווערט די התבטלות, אַסקעטיזם, דאָס מאַטערן דעם גוף; מיט אָפּשפּרעכונגען ווענדעט מען זיך שוין נישט צו די שלעכטגייסטער,

נאָר צום אינערלעכן שטן. דער מאַגיזם גייט צום לייכטסטן אַריבער אינע־ווייניק ביי יענע וואָס זענען אָפּגעשניטן אָדער אַליין אָפּגעשטאַנען פון דער אויסערלעכער גאָטעס־דינסט: ביי די הייליקע, וואָס זענען זיך מתבודד פון מענטשן, ביי דעם מאָנאַכטום, ווי אויך ביי די מענטשן פון המון, וואָס בונ־טעווען זיך קעגן דער מאַכט פון די פּריסטער. דאָ קען שוין יעדער אינדי־ווידואום ווערן אַ פּריסטער און מאַגיקער. פאַרשאַפן זיך די געהיימע מאַכט אי־בער די געטער; יעטוועדער בשר ודם קען זיך דערהייבן איבער גאָט, ווייל דער אויסערלעכער מאַגיזם האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אינערלעכן. נאָכן אור־שפּרינגלעכן געדאַנק פון בודדיזם איז יעדער פּשוטער מענטש מסוגל ביי אַנטשפּרעכנדיקן ווילן צו ווערן אַ מעכטיקער בראַהמאַן; אויף אַזאַ אופן האָט זיך די מאָראַל, דאָס עטישע זעלבסטבאַוווסטזיין, פאַרוואַנדלט אין אַ מאַגישן כלי זין צו באַהערשן די סטיכיע. אויב אָבער דער פּריסטער האָט געדינט גאָט פאַר אַלעמען אין די אויגן און זיין מאַגיזם האָט אויסגעפּילט אַ סאָציאַל־נוצלעכע פונקציע, דינט גאָט דעם צדיק אין מדבר, וואָס ראַטע־ווען זיין אייגענע נשמה, דער בודדיסט, וואָס הייבט זיך צו דער נירוואַנאַ אויף די שטאַפּלען פון דער „קארמא" פאַר זיך. („קארמא" — דער געזעץ פון די פּועל־יוצאס פון יעדער טאַט. יעדע טאַט, אָפּגעטון אין לעבן, האָט אַ פּועל־יוצא אין דער נייער עקסיסטענץ פון אינדיוויד, ביז דער דאָזיקער געזעץ פאַרלירט נישט זיין קראַפט נאָר דער דערגרייכונג פון נירוואַנאַ. „די לערע וועגן „קארמא" איז אַ פּרוּוו מצד בודדאַן צו פאַראייניקן די אַלטע תורה פון די בראַהמאַנען וועגן דעם גלגול פון די נשמות און ענדגילטיקע פאַרניכטונג און פאַרלירונג פון דער פּערזענלעכקייט מיט דער אידייע וועגן דער באַפרייאונג פון די לעבנס־ליידן און נידעריקע ווונטשן נאָך דער דער־גרייכונג פון „נירוואַנאַ" — באַמערקונג פון איבערזעצער).

באַראַכאָוו רעדט ווייטער וועגן דעם, אַז געטעכט זענען די וואָס האַלטן, אַז בודדיזם איז בכלל קיין רעליגיע נישט, נאָר אַ פילאָסאָפישע אָנשויאונג וואָס האַלט פון נישט אנערקענען די וועלט. בודדיזם איז געוואָרן אַ רע־ליגיע, ווען עס האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן די מאַסן און דאַן איז אַנט־שטאַנען דער פעטישיזם און די גייסטיקע פאַרשקלאַפונג.

.5

געוויינלעך, זאָגט באָראָכאָוו, אונטערשיידט מען וויסן פון גלויבן מיט דעם, וואָס מענטשן פון וויסן ווייסן, אַז דאָס וויסן איז נישט 100 פראָצענט אַבסאָלוט. ס׳זענען שטענדיק ביי די מענטשן פון וויסן, אָדער וויסנשאַפטס־מענטשן דאָ ספיקות, היפּאָטעזן, אד״גל. ביי די מענטשן פון גלויבן, ביי די רעליגיעזע מענטשן איז אַלץ אַבסאָלוט, הונדערט פראָצענט זיכער. קיין שום ספיקות זענען נישטאָ און עס טאָר נישט זיין.

אויבנאויפיק אונטערשיידט זיך נישט וויסן פון גלויבן. „דער קריסט ׳ווייסט׳ פונקט אַזוי די עקזיסטענץ פון דער דרייאייניקייט, ווי דער מאַרקסיסט ׳ווייסט׳ די אומפאַרמיידלעכקייט פון דער סאָציאַליסטישער איבערקערעניש און ווי דער היינטיקער קולטורעלער מענטש ׳ווייסט׳, אַז די ערד דרייט זיך אַרום דער זון״. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס דאָס וויסנשאַפטלעכע וויסן לאָזט צו ספקות. די רעליגיע נישט נאָר וואָס זי לאָזט נישט צו קיין ספקות, נאָר זי רודפט יעדן איינעם, וועלכער זאָגט אַרויס וועלכע עס איז געדאַנקען וועגן דער ריכטיקייט פון די אָדער יענע רעליגיעזע פּאָסטולאַטן. בלינדער גלויבן, פאַנאַטיזם, דאָס נישט דולדן וועלכן נישט איז אָפּנויג — דאָס זענען די סימני מובהק פון גלויבן. דער שכל איז פאַרשקלאַפט צו דער רעליגיעזער דאָגמע, וואָס איז פאַרהייליקט פון געטלעכן אויבן.

דער רעליגיעזער גלויבן מאַכט פּאַסיוו דעם מענטשלעכן דענקען. מען טאָר נישט פרעגן קיין קשיות און מען טאָר גאָרנישט אָפּפרעגן. איז אין דער צייט, ווען די וויסנשאַפט שאַרפט דעם מענטשלעכן מוח, טעמפּט די רעליגיע אָפּ דאָס טראַכטן און שלעפערט איין דעם מוח.

קיין שום דאָגמע קען אָבער נישט פאַרשטעלן דעם מענטשלעכן מוח צו טראַכטן. „דאָס גלויבן־מאָמענט און דאָס גלויבן־פּראָצעס קענען נישט אַלע מאָל פרידלעך צוזאַמענלעבן״. אויב אַזעלכעס קומט פאָר, פּרוּוון די רעליגיע־אויטאָריטעטן זוכן פשרות צווישן דעם שכל און דער דאָגמע. עס ווערן פון די העכסטע אויטאָריטעטן אַוועקגעלייגט נייע פּאָסטולאַטן, געשאַפן קאָמפּראָמיסן, כדי צו ראַטעווען די רעליגיע אַלס אַ גאַנצעס, אַנדערש שטייט דער געגעבענער רעליגיע אַ געפאַר פון אונטערגאַנג.

די רעליגיע קען אַנדערש נישט ווירקן אינעם לעבן ווי דורך פאַר־טונקלטן מיסטיציזם. דאָס לעצטע העלפט זיך אויס מיטן גלויבן אין נס. דאָס פאַרסמט מיט זיסן סם דעם שכל. דאָס גלויבן צערטלט דעם געדאַנק מיט איבערנאַטירלעכעס, שטעלט באַוווסטזיניק העכער אילוזיע איבערן אמת. עס ווערט דערקלערט אַן אומברחמנותדיקע מלחמה דעם שכל. „מען גלייבט שוין נישט נאָר, הגם עס איז אַן אַבסורד", מען גלייבט נישט נאָר קעגן לאָגיק און דערפאַרונג, נאָר מען זוכט ספּעציעל אַן אומזין, ווי אַן אָביעקט פון גלויבן".

אַפּאָסטאָל פּאַוועל זאָגט, אַז רעליגיעזער גלויבן איז „אַן אופן פון וויסן אָן באַווייזן, די בשורה פון האָפנדיקע, אַנטפּלעקונג פון אומגעזעענע זאַכן". זיכער איז גוט דעם גלויביקן: „גליקלעך איז דער יואָס גלייבט, וואָרעם איז אים אויף דער וועלט" ווײַ איז אָבער דעם גלויביקן, אויב ער נייגט אָפּ אַ ביסל אָן אַ זייט פון דעם קאַנאָניזירטן גלויבן, ווייל גלויבן אין בדרך־כלל קאָנסערוואַטיוו. אַפילו די טאָלעראַנטסטע רעליגיע קוקט אויף זיך ווי אויף דער לעצטער התגלות.

די רעליגיע איז גרייט צו פאַרווירקלעכן אירע פּרינציפּן, אירע דאָגמעס מיטן פּרייז פון מענטשלעכן לעבן. די געשיכטע דערציילט אונדז זייער פיל פון הייליקע מלחמות אַרויפצוצווינגען אַ גלויבן אויף אַן אַנדער פאָלק; פון דער אַנדערער זייט איז זי גרייט מוחל צו זיין די גרעסטע פאַרלעצונג פון די געבאָטן, כדי אָפּצוהיטן די פּאַרמאַליטעטן (פאַרן אום שבת צו דער סי־נאַגאָגע, כדי זיך צו באַטייליקן אין גאָטסדינסט — מ. מ.).

לונאַטשאַרסקי זאָגט: „די מענטשלעכע אַקטיוויטעט הרגעט אַוועק גאָט", און באַראַכאָוו דערגאַנצט דעם געדאַנק זאָגנדיק, אַז „די מענטשלעכע אַקטי־וויטעט הרגעט אַוועק די רעליגיע", און דערפירט זיין געדאַנק צו דעם, אַז די וואַקסנדיקע אַקטיוויטעט פונעם מענטשן פרעגט אָפּ די רעליגיעזע אוי־טאָריטעטן; דער זעלבסטשטענדיקער ווילן, וואָס דערקענט דעם אייגענעם כוח, הייבט אויף דעם קאָפּ, גלייכט אויס דעם רוקן און די קני, וואָס האָבן זיך פריער געבויגן אין פרומען ציטער.

„אַ דאַנק דער מענטשלעכער אַקטיוויטעט פאַלט אַראָפּ די קרוין פון קדושה, די שכינה פון די הימלס־ווערטן ווערט פאַרטונקלט. אויך אין אָט דעם געראַנגל מיטן „גייסט פון שווערקייט" באַפרייען זיך נישט מיט אַמאָל

די שטערבלעכע פון די שטימונגען פון דעם וואַרעמען גלויבן. אין דעם אינקובאַציע פעריאָד פון אַטעאיזם פילט זיך דער מענטש פאַריתומט, ווי אַ קינד, וואָס פאַרלירט דעם פאָטער און די השגחה פון די עלטערן. דער אומעט פון צעשיידן זיך דריקט דאָס האַרץ ביז וויטיק, ביז טרערן. אָבער פון אונטער דער דריקנדיקער אַנגסט שלאָגט זיך דורך אַ נייער מונטערער געפיל פון אומאָפּהענגיקייט, דער מענטש — דער יתום הייבט אָן צו פילן זיך זעלבסטשטענדיק; פון היינט אָן מוז ער אַליין זאָרגן וועגן זיך, ער איז אויסגעשטעלט נאָר אויף זיינע אייגענע כוחות, און צולעצט וועבט זיך אויס, נישט לאָזנדיק קיין שפור, דער עמאָציאָנעלער צענטער פון דער רעליגיע — די דערנידערונג פון אייגענער פערזענלעכקייט און די דערהויבונג פון אוי־סערלעכן כוח. און צוזאַמען דערמיט פאַלן אַלע גרופּירונגען פון די רעלי־גיעזע אידייען און געפילן. מיט דער צייט שטאַרבט אויך אָפּ דער פאַרדרוס צוליבן פאַרלוסט פון דעם גלויבן".

.6

באָראָכאָוו גייט איבער צו דער פראַגע פון אָפּשטאַמונג פון רעליגיע און שטעלט אַוועק די פראַגע, פאַרוואָס פאַלט דער מענטש כורעים פאַר זיין אייגענער שאַפונג. אויב דער מענטש איז אַנמעכטיק, ווו זשע האָט ער גע־נומען דעם געדאַנק וועגן געטער וואָס הערשן איבער דער וועלט? און אויב דער מענטש איז אַזוי רייך און פרייגיביק, כדי צו שענקען דער וועלט אַזאַ גרויסאַרטיקע צירונג ווי די גאָטהייט, פון וואַנען זשע נעמט זיך צו אים די הכנעהדיקייט פון גלויבן?

דער גלויביקער גיט אויף דעם אַ פשוטע תשובה: גאָט האָט זיך באַ־וויזן צו דעם מענטשן און געשאָנקען אים די ליכט פון דעם אמתן גלויבן. דעקאַרט, זאָגט ווייטער באָראָכאָוו, אין זיין אנטאָלאָגישער אַרגומענטאַציע וועגן גאָטס־עקזיסטענץ פרעגט: ווי אַזוי קען די באַגרענעצטע גייסטיקע סובסטאַנץ פון מענטשן אויסטראָגן אַן אידייע פון אין־סוף (גרענעצלאָזיקייט), און ענטפערט, אַז די גאָטהייט אַליין האָט אַריינגעגעבן דעם מענטש די אידייע וועגן זיך. די דאָזיקע אידייע איז אַן איינגעבוירענע. דאָס איז די אינערלעכע התגלות פון דער איבערעמפּירישער וועלט.

דער מענטש אַליין באַשאַפט דעם באַגריף פון אין־סוף. דער גרויסער

קינסטלער פידיאַס, אויסהאַקנדיק די פיגור פון דער גריכישער געטין אַטענע, איז אַזוי טיף געריזט געוואָרן פון איר מאַיעסטעטישקייט, אַז ער איז געפאַלן אויף די קני פאַר איר.

פאָרטוגעזישע מאַטראָסן, דערציילט באַראַכאָוו, זעענדיק ווי נעגערן בוקן זיך צו זייערע געטשן האָבן אויסגעדריקט זייער עקל מיטן וואָרט „פעטי־טיקאָס" — אויסאַרבעטונג. פון דאַנען נעמט זיך דאָס וואָרט „פעטיש". אָבער די פאָרטוגעזער אַליין האָבן אויך פאַרגעטערט אַן אויסאַרבעטונג, אמת נישט פון מענטשלעכע הענט, נאָר פון מענטשלעכן גייסט.

באַראַכאָוו ברענגט אַ ציטאַט פון פרידריך ניטשע, וואָס לייענט זיך אַזוי: „אין דעם פסיכאָלאָגישן פּראָצעס פון שאַפן גאָט ווערט דער גייסטיקער צושטאַנד פון אַ סבה אַ פועל־יוצא. די פסיכאָלאָגישע לאָגיק איז אַזאַ: די עמפינדונג פון מאַכט, ווען עס באַהערשט דעם מענטש אינגאַנצן און פלוצים, אַזוי ווי אין אַלע גרויסע אַפעקטן — וועקט אויף אין אים די ספקות אין אײ־גענער פערזענלעכקייט; ער האָט נישט די דרייסטקייט צו האַלטן זיך פאַר דער סבה פון דעם ווונדערבאַרן געפיל און זוכט אין דעם פאַל די סיבה אין אַ שטאַרקערער פערזענלעכקייט, אין דער גאָטהייט... דער אורשפרונג פון דער רעליגיע ליגט אין די אויסערסטע עמפינדונגען פון מאַכט, וועלכע איבעררײַשן דעם מענטש, ווי עפּעס אַ פרעמדע זאַך. דער נאַיווער Homo Religiosus דיפערענצירט זיך אין עטלעכע פערזענלעכקייטן. די רעליגיע איז דער פאַל פון פאַרטאָפּלונג פון דער פערזענלעכקייט".

באַראַכאָוו איז נישט אינגאַנצן מסכים מיט ניטשען און ער זאָגט, אַז ניטשע איז גערעכט מיט זיין „פסיכאָלאָגישער לאָגיק", אָבער נישט אין אַלעס. ער — ניטשע — געפינט דעם מקור פון רעליגיע אין די אויסערגעוויינלעכע צושטאַנדן פון מאַכט; אָבער מענטשן פאַרגעטערן אויך געוויינלעכע איבער־לעבונגען: פאַר די נאָרמען פון מנהג, געזעץ, עטיק זוכט מען אויס איבער־מענטשלעכע דערקלערונגען (די געטער און האַלבע געטער האָבן געגעבן די מענטשן געזעצן, אויסגעלערנט די מענטשן לאַנדווירטשאַפט, קונסט, אָנגע־פירט מיט די זיגרייכע מלחמות, אַליין געבויט שטעט, בריקן אד"גל, אד"גל).

באַראַכאָוו זאָגט, אַז די אינדיווידועל־פסיכאָלאָגישע „דיאַלעקטיק" שיל־דערט גוט דעם פּראָצעס, ווי אַזוי דער מענטש ווערט פאַרפרעמדט פון זיך אַליין, אָבער זי דערקלערט נאָך גאָרנישט, די זעלבסט־דיפערענצירונג פון דער

פּערזענלעכקייט קען פאַרשטאַנען ווערן נאָר אַלס פּועל־יוצא פון דער דיפע־רענצירונג פון דער געזעלשאַפט.

באָראָכאָוו פאַררופט זיך דאָ אויף מ. גויאָ, וועלכער דערקלערט, אַז רעליגיע איז אין תוך נישט אַנטראָפּאָמאָרפיש נאָר עס איז סאָציאָמאָרפיש (מיין קורסיוו — מ. מ.), דאָס מיינט, אַז מענטשן שאַפן געטער נישט לויט זייער געשטאַלט, נאָר אַנאַלאָגיש מיט די פאָרמען פון זייער געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן. באָראָכאָוו איז נאָר נישט מסכים מיט גויאָ מיט זיין פאַרשטיין די געזעלשאַפט גופא אידעאַליסטיש. באָראָכאָוו איז געווען אַ מאַרקסיסט און ער פאַררופט זיך אויף קאַרל מאַרקסן, וועלכער זאָגט, אַז געוויס איז אַ סך לייכטער מיט דער הילף פון אַנאַליז צו געפינען דעם ערדישן מהות פון די רעליגיעזע פאַרשטעלונגען, ווי פאַרקערט, דאָס הייסט, אַרויספירן די רעליגיעזע פאָרמען פון די געגעבענע רעאַלע פאַרהעלטענישן, נאָר דער לעצטער מעטאָד איז דער איינציקער וויסנשאַפטלעכער.

באָראָכאָוו דערקלערט, אַז אין דער אויטאָריטאַרער געזעלשאַפט האָט דער מענטש נישט געקאָנט באַגרייפן זיין אייגענעם כוח און דעריבער האָט ער אים פּראָיעקטירט אין די עולמות העליונים, דער מענטש האָט אָפּגעריסן פון זיך זיין בעסטע און אידעאַלסטע, ווייל ער האָט נישט געקענט געפינען אין פּאַרטיקן פּראָדוקט פון דער קאָלעקטיווער שאַפונג דאָס, וואָס עס איז אַריינגעטראָגן געוואָרן דורך דעם אָדער יענעם פּראָדוצירער, און צום גע־דאַנק וועגן שאַפער — דעם קאָלעקטיוו האָט זיך נאָך נישט געקענט דער־הייבן די עפּאָכע פון צעברעקלונג, פון אינדיווידואַליזירונג פון דער אַרבעט, די עפּאָכע פון אומאָפּהענגיקע איינער פון צווייטן פּראָדוצירער. פייערבאַך, זאָגט באָראָכאָוו, איז גערעכט, די גאָטהייט איז געווען אַ מענטש אַ געזעל־שאַפטלעכער אַ דערצויגענער אין אַ געוויסער היסטאָרישער סביבה.

באָראָכאָוו פירט אויס: „רעליגיע איז אַזאַ וועלט־עמפּינדונג, אין וועלכע דער מענטש באַציט זיך צו די נאַטור־סטיכיעס פּונקט אַזוי, ווי די קלאַסן פון דער געזעלשאַפט וואָס ווערן אָרגאַניזירט, באַציען זיך צו זייערע אָרגאַ־ניזאַטאָרן. אַ קלאַס, וואָס איז אָפּגעריסן פון צווייטן און אַ פּראָדוצירער וואָס איז אָפּגעריסן פון צווייטן — דאָס איז דער באַזיס פון רעליגיע. דאָס רעלי־גיעזע באַוווסטזיין איז דער אויטאָריטאַרער סאָציאָמאָרפיזם״. אין אַ פּוסנאָט דערקלערט באָראָכאָוו בזה הלשון: „דער קולט פון די אבות אַלס אָרגאַני־

זאָטאָרן פאַר די לעבעדיקע אָרגאַניזאַטאָרן, די פאַרגעטערונג פון די רוימישע „אויגוסטן״ נאָך ביים לעבן, די פאַרגעטלעכונג פון לעבעדיקע און טויטע מלכים, באַגדיכאַנען; גאָט אַלס דער קעניג פון די הימלען, אַלס „מלך־המלכים״, די הימלישע היעראַרכיע, אַנאַלאָגיש צו דער ציווילער און קירכ־לעכער היעראַרכיע אויף דער ערד וכדומה״.

7.

אין אונדזער צייט, זאָגט באָראָכאָוו, האָט די רעליגיע צו פאַרדאַנקען דער גסיסה־לאַנגזאַמקייט פון די אויטאָריטאַרע פאַרוואַלטונגס־פאָרמען פון דער ווירטשאַפט, מלוכה, פון דעם אויטאָריטאַרן פאַמיליען־סדר, וואָס באַזירט זיך אויף דער פאַרשקלאַפונג פון דער פרוי און פונעם אונטערוואַקסנדיקן דור. אָבער אַזוי ווי עס גייט אונטער דער דאָזיקער סדר, אַזו קומט פאַר אַן איבערברוך אין דער טראַדיציאָנעלער וועלט אַנשויאונג.

באָראָכאָוו ברענגט ציפערן ווי אַזוי די צאָל קירכן־באַזוכער פאַלט פון יאָר צו יאָר. די ציפערן האָבן צו טון מיט די יאָרן 1902—1851. די קירכע גיט אויס אומגעהייערע גרויסע סומען געלט אויף סטימולירן רעליגיעזע גלויבענישן. די רעליגיע מוז אָבער פאַרוואַסערט ווערן, ס׳מוזן געמאַכט ווערן קאָמפּראָמיסן, כדי איינצוהאַלטן וואָס מער מענטשן ביי דער קירך. די דעפיניציעס וועגן דער רעליגיע ווערן צעשווומען, מען הייבט אָן אויסטייטשן די רעליגיע אויף אַזאַ אופן, אַז זי זאָל קענען אונטער זיך אַרונטערנעמען אַלע ספערן פון דער מענטשלעכער טעטיקייט, מען מעקט אָפּ אַלע שייד־ליניעס צווישן דער רעליגיע פון איין זייט און דער וויסנשאַפט, קונסט פּאָעזיע אד״גל פון דער צווייטער זייט, אָבער דאָס אַלץ העלפט נישט.

די רעליגיעזע זוכענישן, און דאָ קערט זיך באָראָכאָוו אום צו די געדאַנקען מיט וועלכע ער הייבט אָן זיין אַרבעט, שטאַמען פון דער אַנטוישונג אין דער ציוויליזאַציע. ער דערמאָנט אַ גאַנצע ריי שרייבער, דענקער, וועלכע רופן אומצוקערן זיך צו דער אורשפּרינגלעכער ווילדקייט. גאָט־זוכעניש איז געוואָרן אַ מאָדע און מענטשן קאָקעטירן מיט די נייסטע רעליגיעזע פאַסאָנען. דאָס איז נאָר, זאָגט באָראָכאָוו, אַ פאַריבערגייענדיקע דערשיינונג. ער פאַרענדיקט זיין טיף־גרייכנדיקע אַרבעט מיט די זאַצן: „דער

מענטש ווערט באַוווסט פון זיין מאַכט; ער פאַרשטייט, אַז ער איז דער שאַפער פון דער קולטור, דער שמיד פון זיין גורל. צוזאַמען מיטן סאָציאַליזם קומט די אַקטיוויטעט; די פרייע זעלבסטשטענדיקייט באַנייט זיך דעם וועג דורך די קברים פון די געטשן״.

8.

ס׳מוז קלאָר געזאָגט ווערן, אַז די קריטיק פון ב. באָראָכאָוו איז געריכטעט, דאַכט זיך אונדז, נאָר קעגן דעם אבערגלויבן אין דער רעליגיע. זאָל מען עס אויך פאַרשטיין אין דעם זין, אַז ער איז כולל אין דעם אויך די גייסטיקע איבערלעבענישן פון אַזעלכע ריזן ווי עס זענען געווען, למשל, אונדזערע נביאים?

מיר וואָלטן באַגאַנגען אַן עוולה קעגן דעם אמת פון דער טיפקייט פון דער מענטשלעכער נאַטור און איר טאָטאַליטעט, ווען מיר וואָלטן אָפּגעפרעגט די פּראַפּעטיש-מיסטישע איבערלעבונגען, און אנערקענען נאָר דאָס אינטעלעקטועל-ניכטערע אין וויסנשאַפטלעכן דענקען און פאָרשן. אַלע אָנגריפן פון שכל קעגן דער רעליגיע זענען דערפאַר גערעכטפערטיקט בלויז קעגן די איינבילדונגען פון אבערגלויבן.

באָראָכאָוו טרעט אויף אינעם נאָמען פון ראַציאָנאַליזם און מאַטעריאַליזם אַלס פאַרטיידיקער פון שכל. ער טוט עס, ווייל ער האָט מיט רעכט איינגעזען אין דער פערווערטירטער און צביעותדיקער רעליגיע אַ וואָפן פון די באַזיצנדיקע קלאַסן אָפּצולענקן די מאַסן פון זייערע ערדישע אינטערעסן; זיי צו באַטויבן, כדי זיי זאָלן פאַרנאַכלעסיקן זייערע אמתע אויפגאַבן פון פּראַקטיש-מאַטעריעלן פאָרשריט.

באָראָכאָוו האָט מיט רעכט געזען אין דער אינסטיטוציאָנעלער רעליגיע אַ וואָפן פון קלער צו הערשן איבער די מאַסן און אין מערסטע פאַלן זיך שטעלן אויף דער זייט פון די באַזיצנדיקע קלאַסן.

באָראָכאָוו האָט, שיינט אונדז, געזען, און ריכטיק געזען, נאָר איין זייט פון דער מטבע. ער וואָלט, שיינט אונדז, געקענט נאָכפאָלגן העגעלן, אַז רעליגיע אַלס גייסטיקע התגלות, שטייט זייט ביי זייט מיט דער פילאָסאָפיע און קונסט. (זאָל דאָ אָבער געזאָגט ווערן, אַז דאָס וואָרט רעליגיע האָט

פאַרשיידענע קאָנאָטאַציעס בײַ פאַרשיידענע שרײַבער און דאָס פאַרפּלאָנ־טערט אָפּטמאָל דעם ענין).

מעגן מיר איבערהויפּט אָפּלייקענען גייסטיקע איבערלעבונגען אין וועלכער פאָרעם זיי זאָלן זיך נישט מאַניפעסטירן? קענען מיר דען אָוועק־מאַכן מיט דער האַנט קונסט — מוזיק, מאָלעריי, פּלאַסטיק אד״גל, און צוזאַמען מיט זיי אויך די פילאָסאָפיע און די גרויסע וויסנשאַפט?

דאָס וואָס עס איז אַן עכטע דערפאַרונג ביים אָריגינעלן קינסטלער און זעער, איז געוויינטלעך אַ טונקעלע נאָכמאַכונג ביים טאָג־טעגלעכן מענטשן. עס איז זיכער, אַז דער רוב בנין ומנין קען זיך נישט דערהייבן צו דער באַנעמונג פון דער אידייע.

פון דער אַנדערער זייט וואָלטן מיר זיך זייער געדאַרפט היטן פאַר גענעראַליזירונגען און נישט אַלץ שטעמפּלען אַלס אבערגלויבן און אַרונ־טעררייסן דאָס וואָס אונדז שיינט איז נישט דער ריינער אמת. וויפל עכטקייט עס איז דאָ אין דער נשמה פון איינעם און וויפל פאַלשקייט איז אונדז שווער צו אורטיילן.

זיכער איז, אַז דאָס רעליגיעזע אבערגלויבן ווירקט סאָציאַל־רעאַקציאָ־נער און דערפאַר דאַרף מען אים פאַראורטיילן.

קומען מיר דעריבער צום שלוס, אַז די גאַנצע קריטיק און די אָנגריפן פון באָראָכאָוון זענען געריכטעט, לויט אונדזער מיינונג, קעגן די פאַלשע וועגן פון רעליגיע, אָבער נישט קעגן דעם עצם ענין: דאָס „ואהבת לרעך כמוך״, דער איידלסטער אויסדרוק פון דער מענטשלעכער נשמה, קען מען אויף קיין שום פאַל מיט דער האַנט נישט אָוועקמאַכן.

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina
Copyright by:
M. MENACHOWSKI
Toronto, Canadá

Hecho el depósito que marca la ley.

(C) Industria Argentina

ESTE
LIBRO SE
HA TERMINA-
DO DE IMPRIMIR
EL DIA 25 DE SETIEM-
BRE 1959 EN LOS TALLERES
GRAF. "ZLOTOPIORO HNOS.",
SAN LUIS 3149 - BUENOS AIRES

M. MENACHOWSKI

BER BOROCHOW — SU VIDA Y SU OBRA

EDITORIAL
"UNZER WORT"
Buenos Aires - 1959